STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05557

DER FOLKS FAYND

Henrik Ibsen

Permanent preservation of this book was made possible
by Curtis Katz
in memory of
those murdered in the shoah

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק איבסען

דער פאלקס פיינד

שוישפיעל אין 5 אַקטען

איבערזעצט פון ש. יאַנאָווסקי.

ארויסגעגעבען פון דער בראָשורען גרופע פון דער
פּראָגרעסיוו לייברערי.

NEW YORK, JULY, 1906

האַנדלענדע פּערזאָנען:

דאָקטאָר אָטטאָ שטאָקמאַן, מעדיצינישער אינספּעקטאָר פון די בעדער.
מרס. קאַטערינא שטאָקמאַן, זיין פרוי.
פּעטרא, זייער טאָכטער, אַ לעהרערקע.
וואַלטער און פרעדעריק, זייערע צוויי אינגלאַך, 13 און 14 יאָהר.
פּעטער שטאָקמאַן, דעם דאָקטאָר׳ס עלטערער ברודער, בירגערמייסטער
און פּרעזידענט פון דער דירעקציאָן פון די בעדער.
מאָרטען קילל, מאַדאַם שטאָקמאַנס שטיף־פאָטער.
האָוסטאַד, רעדאַקטאָר פון „פאָלקסבאָטע“.
ביללינג, אַ שרייבער אין דיזער צייטונג.
האָרסטער, שיפסקאַפּיטאַן.
אסלאַקסען, אַן אייגענטהימער פון א בוך־דרוקעריי.
שטאָדט מענשען ביי דער פערזאמלונג. אַלע סאָרטען מענער,
מאנכע פרויען און א היבשע ביסעל שול־קינדער.

סצענע: אַ שטאָדט אויף דעם זידליכען ברעג פון נאָרוועגען.

ערשטער אקט

(דר. שטאָקמאַנס וואָהנצימער איז זעהר איינפאַך, אָבער גאַנץ געשמאַקפול אויסגעמעבלירט. אין דער וואַנד פון דער רעכטער זייט זיינען דאָ צוויי טירען. די ערשטע פיהרט צו דעם דאָקטאָרס שטודיר־צימער, און די אַנדערע פיהרט אין דעם פאָרצימער. אין דער וואַנד אַנטקעגען איז דאָ אַ טיר, וואָס פיהרט אין די אַנדערע צימער פון הויז. אין מיטען פון דערזעלבער וואַנד שטעהט אַן אויוועז, און עטוואָס ווייטער אין פאָדערגרונד אַ סאָפע מיט אַ שפיגעל איבער איהר, ביי דער סאָפע שטעהט אַ האַלב־רונדער טיש, צוגעדעקט מיט אַ טישטוך. אויפ׳ן טיש שטעהט אַן אָנגעצונדענער לאָמפ מיט אַן אַבאַזשור. אין דער הינטער־וואַנד זעהט זיך אַן אָפענע טיר, וואָס פיהרט צום עסס־צימער. דאָרט זעהט מען אַן עסס־טיש מיט אַ לאָמפ אויף איהם. בילינג זיצט ביין טיש, מיט אַ סערוועטקע אונטער׳ן מאָרדע. מרס. שטאָקמאַן שטעהט ביין טיש, און דערלאַנגט איהם אַ גרויסען טעללער מיט געבראָטענע אָקסען־פלויש. די אַנדערע שטוהלען ארום דעם טיש זיינען ליידיג. דער טיש איז אין אַ שטיקעל אונאָרדנונג, ווי ביין סוף פון אַ מאָהלצייט.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, אז איהר פארשפעטיגט אויף אַ גאַנצע שטונדע מוזט איהר נעהמען פאר ליעב אָן אָנגעווארעמטע וועטשערע.

ב י ל ל י נ ג (ניט אויפהערענדיג צו עססען). אָבער וואָס רעדט איהר, מאַדאַם שטאָקמאַן, עס שמעקט דאָך אויסגעצייכענט!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. איהר ווייסט דאָך, ווי מיין מאַן איז שטרענג אז די מאָהלצייטען זאָלען זיין אין אַ בעשטימטער צייט.

ב י ל ל י נ ג. פאר מיר איז דאָס גאָר אַ קנאַפער חסרון. איך קען זאָגען, אז מיר שמעקט דער עססען פיעל בעסער, ווען איך זעץ מיך אזוי אוועק אליין ביין טיש און עס גאַנץ אונגעשטערט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו, אז איהר זיינט צופריעדען, בין

איך — (זי הערט זיך צו ביין טיר פון דעם פּאַרצימער) כּלעבען, דאָ קומט אויך האָווסטאַד!

ב י ל י נ ג. דאָס איז גאַנץ מעגליך.

(עס קומט אריין דער בירגערמייסטער שטאָקמאַן, טראָגענדיג אַן אויבער־ראָק און אַ היטעל פון אַ טשינאָווניק, און מיט אַ שטעקעל אין האַנד.)

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אַ גוטען אבענד אייך, שווענערין.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן (אריינגעהענדיג אין זאַל). וואָס? איהר זיינט עס? אַ גוטען אבענד. זעהר פיין פון אייך, וואָס איהר זיינט געקומען.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איך בין פארבייגעגאַנגען און אזוי — (ער וואַרפט אַ בליק אין עסס־צימער) אה, איך זעה, אז איהר האָט נאָך דאָרט געסט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן (עפּעס ווי צומישט). אָה, ניין!... דאָס איז אין גאַנצען בלויז אַ צופאַל (אין גרויס איילעניש) וואָלט איהר אויך ניט געוואָלט עפּעס אַ ביס?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איך? ניין, איך דאַנק. גאָט זאָל אויסהיטען, איך זאָל עסען עטוואָס הייסעס אין אָוועגד. איך האַלט מיך ביי טהעע, אַ קאַלטע שטיקעל פלייש און עהנליכעס. אי עס איז געזינטער און אי ביליגער.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו, איהר ווילט דאָך אודאי דערמיט ניט זאָגען, דאָס אָ ט ט אָ און איך זיינען חס וחלילה אויסבראַי־ גער?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אָה, איהר ניט, טהייערע שווע־ גערין. אָבער (אָנצייגענדיג אויף די טיר, וואָס פיהרט צום דאָקטאָרס שטודיר־צימער) אפשר איז ער ניט צו הויז?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. ניין, ער איז מיט די קינדער אוועק שפּאַציערען אַ ביסעל —

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר (שמייכלענדיג). אודאי מיינט ער, אז דאָס דאַרף מען אזוי צוליעב די געזונדהייט; נור, אָט איז ער אליין.

מ̇ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. ניין, דאָס איז ניט ער (עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר) אריין! (עס קומט אריין דער רעדאקטאָר האָווסטאַד) אָה, הערר האָווסטאַד!

ה אָ ו ו ס ט אַ ד. יאַ, איהר מוזט מיר מוחל זיין, אָבער דער דרוקער האָט עס געמאכט, איך זאָל זיך אזוי פערשפּעטיגען. אַ גוטען אבענד, בירגערמייסטער!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר (פארבייגענדיג זיך גאַנץ שטייף). הערר האָווסטאַד, איהר זיינט דאָך דאַ אודאי געקומען וועגען געשעפט־זאכען.

ה אָ ו ו ס ט אַ ד. אביסעל צוליעב געשעפט. עטוואָס וועגען דער צייטונג.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איך האָב טאקע אזוי גערעכענט. איך הער, אז מיין ברודער זאָל זיין אַ שטענדיגער און פּרוכטבאַרער מיטארבייטער אין אייער צייטונג „דער פאָלקסבאָטע“.

ה אָ ו ו ס ט אַ ד. ער שרייבט פאר די צייטונג, ווען ער האָט צו זאָגען דעם עולם אַן אמת וואָרט וועגען דאָס אָדער יענעס.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ̇ אַ ן (צו האָווסטאַד). אָבער ווילט איהר ניט אזוי גוט זיין (זי ווייזט אַן אויפ'ן עסס־צימער.)

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אָה, איך האָב חלילה גאָר ניט צו איהם, וואָס ער שרייבט פאר דעם קרייז לעזער, וואָס קען איהם אָבשעצען. און וואָס מיר פּערזענליך אנבעלאַנגט האָב איך גאָר ניט אויסצוזעצען געגען אייער צייטונג.

ה אָ ו ו ס ט אַ ד. ניין, פאר וואָס זאָלט איהר אויך?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אין גאַנצען גענומען הערשט אין אונזער שטאָדט אַ גוטער גייסט, דער גייסט פון פערטראַגזאַמקייט, דער גייסט פון טאָלעראַנץ. און דאָס איז דערפאר, ווייל מיר אַללע האָבען איין אַלגעמיינעם אינטערעס, וואָס פעראייניגט אונז אַלע אין איין אונטערנעהמונג, וועלכע ריהרט אָן גלייך אַלע רעכט־דענקענדע בירגער.

ה אָ ו ו ס ט אַ ד. הא — די בעדער.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. גאַנץ ריכטיג. מיר האָבען אונ־

זערע פּראַכטפולע נייע בעדער. איהר זאָלט עס זעהען, הערר רע־דאקטאָר, די בעדער מוזען ווערען דער מיטעל־פּונקט פון לעבען אין אונזער שטאָדט. אונבעדינגט!

מ ר ס. ש ט א ק מ א ן. דאָסזעלבע זאָגט אויך אַטטאַ.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. וואָס פאר א גרויסער, הויכער אויפשוואונג, וועלכע גרויסארטיגע ענטוויקלונג עס איז פאָרגעקומען אין אונזער שטאָדט אין די לעצטע עטליכע יאָהר זאָגאר! די מענ־שען האָבען געלד, און עס בעוועגט זיך און עס לעבט זיך! הייזער און גרונד־רענט איז געשטיגען אין ווערטה.

ה אָ ו ו ס ט א ד. און די שוויריגקייט צו קריגען ארבייט ווערט אַלץ קלענער.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. דאָס אויך געוויס. די נויטיגקייט פאר די רייכע צו געבען נדבות האָט זיך בעדייטענד פארקלענערט, און זי וועט ווערען דיעזען זוממער נאָך קלענער, אויב מיר וועלען נור האָבען אַן אמת׳ען גוטען זוממער דיעזען יאָהר — א סך בע־זוכער, א סך קראנקע, וועלכע וועלען ערשט מאכען די בעדער דעם ריכטיגען שם.

ה אָ ו ו ס ט א ד. איך הער, אז לויט אַלע אויסזיכטען וועט עס טאקע אויך זיין אזוי.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא, די אויסזיכטען זיינען די בעסטע. יעדען טאָג קומען אריין אַלץ נייע נאכפראגען וועגען וואוינונגען און אנדערע זאכען.

ה אָ ו ו ס ט א ד. אויב אזוי, איז דעם דאָקטאָרס ארטיקעל פּונקט ווי געוואונשען.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. וואָס, ער האָט שוין ווידער עפּעס געשריבען?

ה אָ ו ו ס ט א ד. יא, עטוואָס, וואָס ער האָט נאָך פאָריגען ווינטער אָנגעשריבען, רעקאָמענדירענדיג די בעדער און בעשריי־בענדיג די געזונדע פערהעלטניסע פון דער שטאָדט. אָבער צו יענער צייט האָב איך דעם ארטיקעל ניט אָבגעדרוקט.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אהא, אודאי עפּעס אַן אָבהאַלט?

ה א ו ו ס ט א ד. אָה, דאָס ניט, אָבער איך האָב גערעכענט, אז עס איז גלייכער צו ווארטען מיט'ן ארטיקעל ביז צו דיעזער צייט, ביז צום פריהלינג צו. ווייל ערשט איצט הויבען זיך אָן מענשען צו קלייבען אין א זוממער־פלאַץ.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. גאַנץ ריכטיג, גאַנץ ריכטיג, הערר רעדאקטאָר!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. יא, אָטטאָ איז ווירקליך אונערמידליך, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די בעדער.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. נו, ער איז דאָך אינספעקטאָר פון די בעדער.

ה אָ ו ו ס ט א ד. ער איז דאָך טאקע געוועזען, קען מען זאָגען, זייער טאַטע.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איז ער עס טאקי געוועזען? איך הער מאַנכעס מאָל דאָסזעלבע פון געוויסע פערזאָנען. אָבער איך מוז זאָגען, אז אויך איך האָב א קליינעם חלק אין דיזער אונטערנעהמונג.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. יא, דאָס איז, וואָס אָ ט ט אָ זאָגט איממער.

ה אָ ו ו ס ט א ד. ווער וויל עס דען אָבלייקענען, הערר בירגערמייסטער? איהר האָט געבראַכט די גאַנצע אונטערנעהמונג אין גאַנג, און האָט זי אוועקגעשטעלט אויף א פראקטישען פוס. יעדער ווייס עס, און איך האָב נור געמיינט, דאָס די אידעע, די ערשטע אידעע, געהערט צום דאָקטאָר.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא, אידעען האָט מיין ברודער שוין געהאַט א ביסעל צו פיעל אין זיין לעבען. אָבער, אז מי דארף, אז עפּעס זאָל געטהאָן ווערען, דערצו דארף מען שוין האָבען א גאַנץ אַנדער סאָרט מענשען, הערר האוסטאד. און איך האָב ערוואַרטעט, אז דאָ אין הויז לכל הפחות —

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער, מיין טהייערער שוואָגער —

ה א ו ו ס ט א ד. בירגערמייסטער — ווי קענט איהר —

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אַט קומט בעסער אריין און נעהמט א ביס. מיין מאַן מוז באַלד אַנקומען, הערר האָווסטאַד.

ה אָ ו ו ס ט א ד. דאַנקע. טאַקי ניט מעהר ווי א ביס. (ער געהט אַריין אין עס־צימער.)

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. (ריידענדיג גאַנץ שטיל) עס איז מערקווירדיג, דאָס מענשען, וואָס שטאַמען אָב דירעקט פון די בויערען, קענען זיך קיינמאָל ניט אויסלערנען צו האַלטען זיך אַנ־שטענדיג.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער צו וואָס זאָלט איהר זיך ער־געהרען איבער דעם? קענט איהר ניט און אייער ברודער זיך צו־טהיילען מיט'ן כבוד, ווי ברידער?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא, אזוי האָט עס טאַקי בעדאַרפט זיין, אבער עס זעהט אויס, אזוי ווי אַ טהייל בלויז פון עהרע איז ניט גענוג פאַר מאַנכע פערזאָנען. זיי ווילען אַלעס פאַר זיך.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. ווי לעכערליך! איהר און אַטטאָ זיינט דאָך אימער געווען אזוי גוט און פריינדליך. (צוהערענדיג זיך) אַהאַ, איך דענק, אז דאָס איז ער. (געהט צו צום טיר פון פאָרצימער.)

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (לאַכענדיג פון דרויסען) אַט האָסטו א גאַסט, קאַטערינא! איז דאָס ניט א גליק? קומט אריין, קאַפּי־טאַן האָרסטער. הענגט אויף אייער אויבער־ראָק אַט דאָרט! אָה, איהר טראָגט אפילו ניט קיין אויבער־ראָק? שטעל זיך פאָר, קאַטע־רינע, איך האָב איהם געפּאַקט אין גאַס, און מיט מאַטערנעש האָט זיך מיר עס איינגעגעבען איהם צו ברענגען אהער. (קאַפּיטאַן האָרס־טער קומט אַריין און פאַרנייגט זיך פאַר מרס. שטאָקמאַן. דער דאָקטאָר איז ביים טיר) אריין, בחורים! זיי זיינען שוין ווידער הונגעריג, ווי די וועלף! קומט קאַפּיטאַן, איהר מוזט פערזוכען אַ שטיקעל פלייש ביי אונז. (ער שפּאַרט אריין מיט געוואַלד קאַפּיטאַן האָרסטער אין צימער. זיינע צוויי אינגלאַך, פרעדריק און וואַלטער, געהן אויך אַריין, נאכדעם, ווי זיי האָבען בעגריסט זייער פעטער, דעם בירגער־מייסטער.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער, אַטטאָ, האָסטו ניט גע־זעהען —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (טהוט זיך אַ דרעה אין טיר) אָה, פּעטער? דו ביזט עס! (ער געהט צו צו איהם און שטרעקט צו איהם אויס זיין האַנד) נו, איצט איז שוין גאָר גרויסאַרטיג.

ב י ר ג ע ר מ יי ס ט ע ר. צום אונגליק מוז איך באַלד אַוועקגעהן.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אונזין! אין אַ מינוט וועלען מיר האָבען פּונש. דו האָסט, קאַטערינע, אָן דעם פּונש ניט פערגעסען?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. גאָט זאָל אויסהיטען. דאָס וואַסער קאָכט שוין. (זי געהט אַריין אין עסצימער.)

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. פּונש גאָר!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. יאָ, זעץ זיך נור אַוועק, און דו וועסט זעהען, ווי גוט עס וועט אונז דאָ באַלד זיין.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איך דאַנק אייך. איך בין ניט קיין שכור.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער אַ ביסעל פּונש מיינט נאָך ניט שכור'ען.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. עס שיינט מיר — (ער קוקט אַריין אין שפּייזציממער) עס איז וואונדערבאַר, ווי קענען זיי דאָס פערשלינגען אַללעס, וואָס איז דאָרט אויפ'ן טיש?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (רייבענדיג די הענד) יאָ, איז עס ניט אַ פערגניגען צו זעהען, ווי יונגע חברה פּאַקט אַריין? אימער הונגעריג! זיי מוזען עסען! זיי דאַרפען דעם כח. זיי וועלען עס זיין, וועלכע וועלען מוזען בילדען דעם זויערטייג פון דעם צוקונפט־שטאָף, וואָס האַלט איצט אין איין קאָכען און זידען. אזעלכע אַלטע, ווי דו און איך —

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. נו, דאָס איז עפּעס אַן אויס־דרוק, וואָס געפעהלט מיר גאָר ניט. אַלטער, נאַ! —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אזוי געגוי זיין אין אויסדריקע

דארפסטו ניט פֿאַרדערען פֿון מיר. דו מוזט וויסען, אַז איך בין מיט'ן גאַנצען הארצען צופֿריעדען. איך פֿיהל מיך אַזוי גליקליך אין דיזען יאָגענדען, קאָכעדיגען לעבען! יאַ, עס איז ווירקליך אַ גרויסע צייט, אין וועלכער מיר לעבען איצט. עס איז, פּונקט ווי עס וואָלט זיך געשאַפֿפען ארום אונז אַ גאַנץ נייע וועלט —

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. נו, און איז עס טאַקי אַזוי?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נאַטירליך, דו קענסט עס ניט פֿאַר־שטעהן אַזוי גוט, ווי איך. דו האָסט דאָך דיין גאַנצען לעבען קיין טריט ניט געמאַכט פֿון דאַנען. און דאָס מאַכט איינעם בעדייטענד דונקעל די אויגען. אבער איך, וואָס האָב געמוזט פֿערברייננגען דאָרט, אין אַ קליין פּלאַץ אין די נאָרד, כמעט קיין מאָל קיין מענ־שען ניט אָנקוקענדיג, מיט וועמען איך זאָל האָבען אַן אינטערעס צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער — אויף מיר ווירקט דער לעבען דאָ פּונקט ווי איך וואָלט געוועזען אין אַ גרויסער וועלט־שטאָדט.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. הם! וועלט־שטאָדט!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָה, איך ווייס זעהר גוט, דאָס די היגע לעבענס־פֿערהעלטניסע זיינען זעהר קליין אין פֿערגלייך מיט אַנדערע שטעדט. אָבער דאָ איז לעבען, בעוועגונג, זאַכען אָהן אַ שיעור צו טהאָן און צו שטרעבען; און דאָס איז די הויפּטזאַך (רו־פֿענדיג) קאַטערינע, זיינען דאָ פֿאַר מיר געוועזען וועלכע בריעף?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (אין עסצימער) ניין, קיינע בריעף.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און דאַן טאַקי דער גוטער פֿער־דיענסט דאָ. דאָס לערנט צו שעצען אַזאַ מענש, ווי איך, וועלכער האָט אַזוי געהונגערט, ווי איך.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. גוטער גאָט! —

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָה, דו קענסט זיך פֿאָרשטעלען, אַז מיר זיינען דאָרט געוועזען גוט אויף צרות. און איצט קענען מיר לעבען, ווי די גראַפֿען! היינט, צום ביישפּיעל, האָבען מיר געהאַט געבראָטענס צו וואַרמעס, און, וואָס איז נאָך מעהר, מיר האָבען אויך געהאַט געבראָטענס פֿאַר וועטשערע. ווילסטו פֿערזוכען עפּעס? קום, טהו חאַטש אַ קוק אויף דעם.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. ניין, ניין. איך בעט דיר —

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו, אַלזאָ, טהו א קוק. זעהסטו יע־נעם פיינעם טישטוך?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא, איך האָב עס בעמערקט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און מיר האָבען אויך זעהר שעהנע לאָמפּען. זעהסטו? קאַטערינע האָט זיי אַללע געקויפט פון די געלד, וואָס זי האָט אָבגעשפּאָרט. און דאָס אַללעס העלפט צו מאַכען א הויז אזוי ה י י מ י ש. ניט אפשר? קום אַריבער אהער. ניין, ניין, אָט אזוי — יא — זעהסטו, ווי די ליכט שטראָמט אַרונטער? איך דענק ווירקליך, אז דאָס זעהט אויס זעהר שעהן, האַ?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא, ווען איינער קען זיך נור פערגינען אַזא לוקסוס.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אה, יא, איך קען זיך עס איצט פער־גינען. קעטרין זאָגט מיר, אז איך פערדין כמעט אזוי פיעל, וויפיעל מיר גיבען אויס.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא — כמעט!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. א חוץ דעם, א מאַן פון וויסענשאַפט מוז דאָך לעבען עפּעס אנשטענדיג. איך בין זיכער, אז דער אמט־מאַנד*) פערלעבט אַ ביסעל מעהר א יאהר, ווי איך.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. נו, איך זאָל עס מיר אזוי דענ־קען. ער איז דאָך א מיטגליעד פון דעם העכסטען געריכט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, אבער א ליאַדע קויפמאַן פערלעבט מעהר, ווי איך.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. נו, דאָס איז אונפערמיידליך אין זיין שטעללונג אין דער געזעלשאַפט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איבריגענס, בין איך גאָר ניט אזא

---

*) אָמטמאַנד איז דער הויפּט רעגיערונגס טשינאָווניק פון גאַנצען דיסטריקט.

אויסברייינגער, ווי דו דענקסט, פעטער. אָבער איך קען ניט אויסקו־מען אָהן דעם גרויסען פערגניגען פון צו האָבען ארום זיך מענשען. איך מוז זיי האָבען. איך, וואָס בין געווען אזא לאַנגע צייט איינ־זאם — עס איז פאַר מיר איצט א לעבענס־בעדירפניס צו זעהען די יונגע, די מוטהיגע, די ענטשלאָסענע, די פריידענקענדע פאַרזאַ־מעלט ארום מיר, אָט זיצענדיג דאָרט אַללע צוזאמען און עסענדיג מיט אזא אַפעטיט. איך וואָלט געוואָלט, אז דו זאָלסט בעסער קענען האָוסטאַדען.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אה, האווסטאד! ער האָט מיר דערציילט, אז ער געהט דרוקען א'ן ארטיקעל דיינעם.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. מיינעם אַן ארטיקעל?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא, וועגען די בעדער. אַן ארטי־קעל, וואָס דו האָסט געשריעבען לעצטען ווינטער.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָה, יענעם! — יא, אָבער איך וויל ניט, אז דער ארטיקעל זאָל איצט ווערען געדרוקט.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. ווארום ניט? איצט איז עס דאָך די פאַסענדסטע צייט!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. נו, דו וואָלסט אפשר גערעכט געווען אונטער געוועהנליכע אומשטענדען — (ער שפּרייזט איבער'ן צימער.)

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. (איהם נאָכפאָלגענדיג מיט דיא אויגען) און וואָס איז עס אזוי דאָס אונגעוועהנליכע אין די אומשטענ־דען איצט?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (אָבשטעללענדיג זיך) פעטער, איך קען עס דיר נאָך ניט זאָגען. ניט היינט, יעדענפאַלס. די אומשטענ־דען קענען ווערען גאַנץ אונגעוועהנליכע. אדער עס קען זיך אויסלאָ־זען גאָר ניט מיט גאָר ניט. זעהר מעגליך, אז דאָס דוכט זיך מיר אַללעס.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אויף מיין עהרענוואָרט, דו ביסט היינט פול מיט סודות. איז עפּעס דאָ, וואָס דו בעהאַלטסט פון מיר? איך דענק, איך, אַלס פּרעזידענט—

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און איך, אלס — אָבער, פעטער, לאָמיר זיך ניט אויסרייסען איינער דעם אנדערנס האָר.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. גאָט זאָל אויסהיטען! איך בין ניט געוואָוינט צו רייסען זיך ביי די האָר, ווי דו דריקסט זיך אויס. אָבער איך פאָרדער עס אונבעדינגט, דאָס אַללעס, וואָס האָט א פער־בינדונג מיט די בעדער, זאָל געטהאָן ווערען אויף אַן אופן, ווי עס פאַסט פאר אזא געשעפט, און אונטער דער ריכטיגער אויטאָריטעט. איך קען ניט מרוצה ווערען צו געהן אין קרומע און געהיימניספאָלע וועגען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָבער קען איך דען געהן אין קרומע וועגען?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. ווי עס איז, דו האָסט שוין אזא איינגעוואָרצעלטע לײדענשאַפט צו געהן אימער דיין אייגענעם וועג. און דאָס איז אין א גוט איינגעאָרדענטע געמיינדע כמעט פונקט אזוי געפעהרליך. דער איינצעלנער מוז זיך אונטערוואַרפען דער גאַנ־צער געמיינדע, אָדער, צו ריידען ריכטיגער, דער איינצעלנער מוז זיך בויגען פאַר דער אויטאָריטעט, וואָס פאַסט אויף אויף דעם גליק און לעבען פון אַללע.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דאָס קען שוין זיין. אָבער, וואָס, צו אַל די טייוואָלים, האָט עס מיט מיר צו טהאָן?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אָט דאָס, מיין טהייערער אָטטאָ, ווערסטו, ווי עס זעהט אויס, קיינמאָל ניט פארשטעהן. אָבער נעהם זיך אין אכט! דו וועסט דערפאַר ליידען. איצט האָב איך דיר געוואָרענט, און זיי געזונד.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דו ביסט טאַקי אויף אַן אמת משוגע. דו ביסט גאָר אין גאַנצען אויף א פאַלשען שליאָד.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. דאָס בין איך ניט. און איך מוז דיר בעטען, אז — (פארבויגענדיג זיך צום עסצימער) זייט געזונד, שוועגערין! זייט געזונד, מיינע הערען!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (ארוינגעהענדיג אין צימער) ער איז שוין אוועק?

ד ר. שטאָקמאַן. יא, און שרעקליך אין כעם נאָך ־ערצו.

מ ר ס. שטאָקמאַן. אָבער, טהייערער אָטטאָ, וואָס האָסטו ווידער איהם געטהאָן?

ד ר. שטאָקמאַן. גאָר ניט. זיכער קען ער דאָך ניט ערוואַרטען, איך זאָל איהם אַללעס דערציילען, נאָך איידער —

מ ר ס. שטאָקמאַן. און וואָס האָסטו איהם דען צו דערציילען?

ד ר. שטאָקמאַן. הם, זאָרג זיך ניט וועגען דעם, קאַ־טערינע. עס איז מערקווירדיג, וואָס קיינע בריעף זיינען ניטאָ.

(האווסטאנד, ביללינג און האָרסטער האָבען זיך אויפגעהויבען פון טיש און זיינען אריינגעקומען אין זאָל. באַלד נאָך זיי זיינען אַריינגעקו־מען די צוויי אינגלאַך, פרעדעריק און וואלטער.)

ב י ל ל י נ ג. (צוהערענדיג זיך) אה, דו ליעבער גאָט, נאָך אַ גוטען מאָהלצייט פיהלט מען זיך גאָר אַ נייער מענש.

ה אָ ו ו ס ט א ד. דער בירגערמייסטער, זעהט אויס, איז ניט געוועזען זעהר גוט אויפגעלייגט היינט.

ד ר. שטאָקמאַן. דאָס איז זיין מאָגען שולדיג. ער פערדייט אַללעס אזוי שלעכט.

ה א ו ו ס ט א ד. מעהר פון אַלץ, הפנים, קען ער אונזער צייטונג ניט פאַרדייען.

מ ר ס. שטאָקמאַן. און איך האָב געמיינט, אז צווישען אייך איז אַללעס גאַנץ פרידליך.

ה א ו ו ס ט ע ד. אה, יא, אָבער דאָס איז נאָר פאַר אַ צייט.

ב י ל ל י נ ג. אַזוי איז עס טאַקי. פרידען אויף אַ ווייל.

ד ר. שטאָקמאַן. מיר מוזען געדענקען, דאָס פעטער איז נעבעך אַ בחור. ער האָט ניט קיין היים, אין וועלכער ער זאָל זיך פיהלען גליקליך. נור געשעפט און געשעפט: און דערצו נאָך די פארשאָלטענע, שוואַכע טהעע, דאָס איז אַללעס, וואָס ער טרינקט. און איצט, חברה, ארומגעשטעלט זאָל ווערען שטוהלען ארום טיש! קאטערינע, וועט דען דער פונש ניט באַלד זיין?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (גייענדיג צום עסצימער) אַט איך געה עס שוין ברייגנען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און איהר, קאַפּיטאַן האָרסטער, זעצט זיך לעבען מיר אויף דער סאָפע. אַזאַ זעלטענער גאַסט, ווי איהר — זעצט זיך, מיינע העררען! (די מענער זעצען זיך ארום טיש. מרס. שטאָקמאַן ברייגגט אריין א טאַץ מיט אַ קעסעל, גלעזער, וואַסער־פלעשער און ז. וו.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אַט איז עס. דאָס איז אראַק און דאָס איז ראָם און דאָס איז קאָניאַק. און איצט העלפט זיך אליין.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (נעהמענדיג אַ גלאָז) און דאָס געהען מיר טאַקי טהאָן. (וועהרענד דער פּונש ווערט געמישט) און איצט ארוים מיט די סיגאַרען! וואַלטער, דו ווייסט, וואו די סיגאַר־באַקס שטעהט. און דו, פרעדעריק, בריינג מיר מיין פייפ. (די אינגלאַך געהען אַוועק) איך האָב אַ פערדאכט, אז וואַלטער לאַטכענט ביי מיר פון צייט צו צייט אַ סיגאַר, אבער איך מאַך זיך ניט בעמערקענ־דיג (ער רופט) און מיין יארמעלקע, פרעדעדריק! קאַטערינע, קענסטו איהם ניט זאָגען, וואו איך האָב איהר געלאָזען? אה, ער האָט זי! (די אינגלאַך בריינגען אריין די זאכען) איצט, טהייערע פריינד, העלפט זיך אַליין. איהר ווייסט, איך בלייב ביי מיין פייפ. דיזע איז געוועזן מיט מיר ניט אויף איין שטורמדיגע רייזע דאָרט, אין די נאָרד. (זיי ריהרען זיך אָן מיט די גלעזער) אייער געזונדהייט! עס איז ניטאָ קיין גרעסערער פערגניגען, ווי צו זיצען זיך דאָ ווארם און געשיצט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן (וועלכע זיצט שטריקענדיג) ווען פאָהרט איהר אוועק, קאַפּיטאַן האָרסטער?

ה אָ ר ס ט ע ר. איך דענק, אז ארום נעכסטע וואָך וועל איך זיין מיט אַללעם פאַרטיג.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. און איהר פאָהרט נאָך אמעריקא?

ה אָ ר ס ט ע ר. דאָס איז וואָס איך רעכען.

ב י ל ל י נ ג. אויב אזוי, וועט איהר דאָך ניט קענען נעהמען קיין אַנטהייל אין די וואהלען פון דעם שטאָדט־ראטה!

ה אָ ר ס ט ע ר. געהט דאָ זיין אַ נייע וואהל?
ב י ל ל י נ ג. האָט איהר עס ניט געוואוסט?
ה אָ ר ס ט ע ר. ניין, איך קימער מיך ווענינ וועגען דיזע זאכען.

ב י ל ל י נ ג. אָבער איך רעכען, אז איהר נעהמט דאָך אן אינטערעסע אין עפפענטליכע אנגעלעגענהייטען?

ה א ר ס ט ע ר. ניין. איך פערשטעה גאָר ניט וועגען דעם.
ב י ל ל י נ ג. דאָך, איינער דארף דאָך מאַכען א געברויך פון זיין שטים־רעכט.

ה אָ ר ס ט ע ר. אפילו די, וואָס פארשטעהען גאָר ניט וועגען דעם, אום וואָס עס האנדעלט זיך?

ב י ל ל י נ ג. פערשטעהן? וואָס מיינט איהר דערמיט? די געזעלשאַפט איז ווי אַ שיף; יעדער מענש מוז איהר העלפען קירעווען.

ה אָ ר ס ט ע ר. דאָס מעג זיך זיין אַללעם ריכטיג אויף דער יבשה, אָבער אויפ'ן ים גילט ניט אזאַ כלל.

ה א ו ו ס ט ע ד. עס איז מערקווירדיג, ווי ווענינ אינטערעס עס נעהמען אין עפפענטליכע אנגעלעגנהייטען די אַללע, וואָס פאָהרען אויפ'ן ים.

ב י ל ל י נ ג. ווירקליך העכסט זאָנדערבאַר.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דיזע מענשען זיינען ווי די וואַנדערנדע פייגעל. זיי פיהלען זיך ווי אין דער היים סיי אין די נאָרד, סיי אין זידען. און דאריבער מוזען מיר, די איבעריגע מענשען, זיין דאָס ענערגישער, הערר האווסטאד. וועט זיין עפּעס אין דער מאָרגעדיגער צייטונג פון אַן אלגעמיינעם אינטערעס?

ה א ו ס ט א ד. גאָר ניט פון אַ לאָקאַלען אינטערעס. אָבער דערפאר איבערמאָרגען דענק איך צו דרוקען אייער ארטיקעל —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. יא, פערפלוכט, איהר וועט מוזען צוריקהאַלטען דעם אַרטיקעל.

ה א ו ס ט א ד. ווירקליך? און מיר האָבען שוין געמאַכט פּלאַץ פאר איהם. אויך דענק איך, איז איצט די פּאַסענדסטע צייט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאָ, יאָ, מעגליך. איהר זיינט גע־רעכט, אָבער יעדענפאלס מוז דער ארטיקעל אָבגעלייגט ווערען. איך וועל דאָס אייך מיט דער צייט ערקלערען. (פעטרא קומט אריין, אָנ־געטהאָן אין א הוט און מאַנטעל און מיט פיעלע איבונגס־ביכער אונטער איהר ארעם. זי קומט אריין פון דעם פאָרדערצימער.)

פ ע ט ר א. א גוטען אָווענד!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. א גוטען אָווענד, פעטרא, ביסטו עס? (אַללע ארום טיש פארנייגען זיך. פעטרא לייגט אַוועק איהר מאַנטעל און ביכער אויף א שטוהל ביין טיר.)

פ ע ט ר א. דאָ זיינט איהר אַללע, לעבט זיך א טאָג, ווען רענד איך האָב געמוזט שקלאַפען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו, טו קום און לעב אויך א טאָג.

בי ל ל י נ ג. קען איך אייך אויסמישען א ביסעל?

פ ע ט ר א. (צוגייענדיג צום טיש) איך דאַנק אייך. איך וועל עס אליין טהאָן — איר מאַכט עס פאר מיר שטענדיג צו שטאַרק. אָבער, שאַ, פאָטער, איך האָב פאר דיר א בריעף. (זי געהט צו צום שטוהל, וואו איהרע זאַכען ליגען.)

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. א בריעף? פון וועמען?

פ ע ט ר א. (זוכענדיג אין דער קעשענע פון איהר מאַנטעל) איך האָב עס געקראָגען פון דעם פאָסטמאַן, ווען איך בין ארויס פון שטוב —

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (זיך אויפהויבענדיג און צוגייענדיג צו איהר) און דו ברייננסט מיר איצט ערשט דעם בריעף?

פ ע ט ר א. איך האָב ווירקליך קיין צייט ניט געהאַט צוריק אריינצולויפען. ענטשולדיג מיר, פאָטער, אָט איז דער בריעף.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (נעהמענדיג דעם בריעף) לאָמיר זעהן, קינד. (לייענט די אדרעסע) יאָ, עס איז גאַנץ גוט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. איז דאָס דער בריעף, אויף וועלכען דו האָסט אזוי געוואַרט, אָטטאָ?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאָ, דאָס איז ער. איצט מוז איך

געהן גלייך אין מיין צימער. וואו וועל איך געפינען א ליכט, קא־טערינע? איז דאָ א לאָמפּ אין דעם צווייטען צימער?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, דער לאָמפּ איז אָנגעצונדען. ער איז אויפ'ן שרייב־טיש.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. ענטשולדיגט מיר פאַר אָ קליינע וויילע. (ער געהט אריין אין זיין צימער און פאַרשליסט הינטער זיך די טיר.)

פּ ע ט ר א. וואָס קען עס זיין, מוטער?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך ווייס ניט. פאר די לעצטע עט־ליכע טעג האָט ער געהאַלטען אין איין אויסקוקען נאָך דעם בריעף־טרעגער.

ב י ל ל י נ ג. מסתמא עפּעס א פּאַציענט פון די קאַנטרי.

פּ ע ט ר א. אָרימער פאָטער! ער ארבייט ווירקליך צו שווער. (מישענדיג איהר פּונש) אה, דאָס וועט זיין פיין!

ה אָ ו ו ס ט א ד. האָט איהר אויך היינט געגעבען א לעסאָן אין דער נאַכט־שול.

פּ ע ט ר א. (זופּענדיג פון איהר גלאָז) צוויי שטונדען.

ב י ל ל י נ ג. און אין דער פריה פיער שטונדען אין אינסטיטוט —

פּ ע ט ר א. פינף שטונדען.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. און איך זעה, אז דו האָסט נאָך געבראכט מיט זיך איבונגס־ביכער, וואָס דו וועסט היינט מוזען נאָכזעהן און צורעכט מאכען.

פּ ע ט ר א. יא, א גאנצע הורבע ביכער.

ה אָ ר ס ט ע ר. עס שיינט מיר, אז איהר האָט גענוג צו טהאָן.

פּ ע ט ר א. יא, אבער דאָס איז געראדע וואָס איז גוט: מי איז נאָך דעם אזוי ענטציקענד מיעד!

ב י ל ל י נ ג. דענקט איהר ווירקליך אזוי?

פּ ע ט ר א. זיכער, דאן שלאָפט זיך אזוי געשמאַק.

ו ו א ל ט ע ר. הער נור, פּעטרא, איך רעכען, דו מוזסט זיין א גרויסע זינדערקע.

פ ע ט ר א. א זינדיגע!

וו אָ ל ט ע ר. יא, ווייל דו ארבייטסט אזוי שווער. הערר רעלאַנד זאָגט, אז די ארבייט איז א שטראָף פאר אונזערע זינד.

פ ר ע ד ר י ק. (מיט אַ מינע פון אַן ערוואַקסענעם מענשען) אונזין. דו ביסט א נאר, אז דו גלויבסט עס.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. שטיל זאָל זיין, פרעדעריק.

ב י ל ל י נ ג. (לאַכענדיג) ניין, דאָס איז דאָך פראכטפול!

ה א ו ו ס ט א ד. וואָלסטו געוואָלט ארבייטען אזוי שווער, וואלטער?

וו אָ ל ט ע ר. איך ניט.

ה א ו ו ס ט א ד. אָבער וואָס וועט פון דיר ווערען?

וו א ל ט ע ר. אם בעסטען וואָלט איך געוואָלט ווערען א רויבער־הויפטלינג.

ה א ו ו ס ט ע ד. אָבער דאן וואָלסטו דאָך געמוזט זיין א היידע, א געצענדיענער.

ב י ל ל י נ ג. אין דעם, זעהסטו, בין איך מיט דיר איינפערשטאַנען. איך זאָג פונקט דאָס זעלבע.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. (ווינקענד צו איהם) ניין, הערר בילינג. איהר זיינט ניט איינפערשטאַנען.

ב י ל ל י נ ג. אַזוי לעבען זאָל איך, ווי איך בין א היידע, און בין שטאָלץ אויף דעם. איהר וועט זעהען, מיר וועלען באַלד אַללע ווערען היידען.

וו א ל ט ע ר. און וועלען מיר דאן קענען טהון אללעס, וואָס מיר וויללען?

ב י ל ל י נ ג. יא, זעהסט, וואלטער —

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. שוין צייט אייך גאָר צו געהן, וואַלטער און פרעדעריק. איך בין זיכער, אז איהר דארפט מאַכען וועלכע לעסאָנס אויף מאָרגען.

פ ר ע ד ע ר י ק. לאָמיר דאָ בלייבען נאָך א ביסעל.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. ניין, ניין. געהט אוועק, איהר ביידע. (די אינגלאַך זאָגען גוטע נאַכט און פערלאָזען דאָס צימער.)

האַוסטאַד. דענקט איהר, אז עס קען עפּעס שאַדען די קינדער צו הערען אזעלכע זאכען?

מרס. שטאָקמאַן. איך ווייס ניט. אָבער איך גלייך עס ניט.

פּעטרא. אָבער, מוטער, איך דענק, אז דאָס איז גאנץ לעכערליך פון דיר.

מרס. שטאָקמאַן. קען זיך זיין. אָבער איך גלייך עס ניט דאָ, אין דער היים.

פּעטרא. עס איז דאָ אזוי פיעל פאַלשקייט אי אין דער היים און אי אין שול. אין דער היים טאָר מען ניט ריידען, און אין שול מוז מען שטעהען און זאָגען ליגען צו די קינדער.

האָרסטער. איהר מוזט זאָגען ליגען!

פּעטרא. געוויס. ווייסט איהר דען ניט, אז מיר מוזען מיט די קינדער לערנען פיעלע זאכען, אין וועלכע מיר גלויבען אליין ניט?

בילינג. יא, דאָס ווייסען מיר שוין גוט גענוג.

פּעטרא. ווען איך וואָלט נור געהאַט גענוג געלד, וואָלט איך געעפענט אַן אייגענע שולע, און דאָרט וואָלט שוין אללעס אנדערש געווען.

בילינג. אה, וואָס געלד אַנבעלאַנגט —

האָרסטער. אויב איהר דענקט ווירקליך דאָס צו טהאָן, פריילין שטאָקמאַן, וועל איך זיין גליקליך צו לאָזען אייך האָבען א צימער אין מיין הויז. מיין גרויסע אַלטע הויז איז כמעט ווי ליידיג. דאָרט איז דאָ א גרויסער ציממער אויפ׳ן ערשטען פלאָר—

פּעטרא. (לאַכענדיג) א, יא, איך דאַנק אייך, אָבער דערפון וועט גאָר ניט ארויסקומען.

האַוסטאַד. אָה, ניין! פריילין שטאָקמאַן, שטעל איך מיר פאָר, וועט נאָך צושטעהן צו אונז, זשורנאַליסטען. אגב אורחא, האָט איהר שוין עפּעס געטהאָן ביי דעם ענגלישען ראָמאַן, וואָס איהר האָט צוגעזאָגט צו איבערזעצען פאַר אונז?

פ ע ט ר א. נאָך ניט. אָבער איהר זאָלט עס האָבען, ווען איהר וועט בעדארפען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (פאָכענדיג מיט'ן בריעף) דאָ איז דאָ נייעס, וועלכע איך דענק, וועט אויפוועקען די גאנצע שטאָדט.

ב י ל ל י נ ג. נייעס?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. וואָס פאר א נייעס?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. א גרויסע ענטדעקונג, קאַטרין.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. א'ן ענטדעקונג, וואָס דו האָסט געמאַכט?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, מיינע אַן ענטדעקונג. (ער שפּרייזט איבער'ן צימער הין און צוריק.) נון, זאָלען זיי קומען, ווי דער שטייגער איז, און זאָגען, אז דאָס איז אַללעס משוגעת'ן. אָבער זיי וועלען דאָס ניט סמייען! איך ווייס, אז זיי וועלען עס ניט.

פ ע ט ר א. פּאַטער, זאָג אונז שוין, וואָס דאָס איז.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, יא, גיב מיר נור צייט, און איהר זאָלט עס אַלעס וויסען. ווען נור פּעטער וואָלט דאָ געווען! אַט זעהט איהר, ווי מיר מענשען גייען ארום און בילדען זיך איין זאַכען פּונקט ווי די בלינדע מילבען—

ה אָ ו ו ס ט א ד. וואָס מיינט איהר, דאָקטאָר?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (שטייענדיג ביי'ן טיש) איז ניט די אַלגעמיינע מיינונג, אַז די שטאָדט אונזערע איז א געזונטע?

ה אָ ו ו ס ט א ד. געוויס.

ד ר. שט אָ ק מ אַ ן. ווירקליך. אַן אויסנאַהמסוויזע גע־זונטער פּלאַץ, ווערטה, אַז מי זאָל איהם רעקאָמענדירען אין די וואַרימסטע אויסדריקע צו אונזערע ברידער־מענשען, די קראַנקע און די געזונטע.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. מיין טהייערער אָטטאָ.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און מיר האָבען טאַקי רעקאָמענדירט און געלויבט אין הימעל אריין. איך האָב געשריבען איין מאָל און אָבער א מאָל, אין דער צייטונג, און אין בעזונדערע ביכלאך!

ה אָ ו ו ס ט א ד. נו, טו איז וואָס?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דיזע בעדער, וואָס מיר האָבען גערו־פען דער פולס פון שטאָדט, די לעבענדע נערווען פון שטאָדט — און דער טייפעל ווייס וואָס נאָך.

ב י ל ל י נ ג. „דער שטאָדט'ס טרייסלענדע הארץ". דאָס איז, ווי איך האָב זיך א מאָל אין א בעגייסטערטען מאָמענט ער־לויבט —

ד ר. ש ט א ק מ א ן. אָה, יא, דאָס אויך! אָבער ווייסט איהר, וואָס זיינען עס ווירקליך דיזע מעכטיגע, פּראַכטפולע, פּיעל־בעזונגענע בעדער, — וועלבע האָבען געקאָסט אזוי פיעל געלד — ווייסט איהר, וואָס זיי זיינען?

ה אָ ו ו ס ט א ד. ניין, וואָס זיינען זיי?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. נו, זאָג דאָך שוין.

ד ר. ש ט אָ ק מ אן. דער גאנצער פלאַץ איז א פעסט־הויז.

פּ ע ט ר א. די בעדער, פאָטער?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אונזערע בעדער!

ה א ו ו ס ט א ד. (אין דער זעלבער צייט) אבער דאָקטאָר!

ב י ל ל י נ ג. אָה, עס איז אונגלויבליך!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דער גאנצער פלאַץ, זאָג איך אייך, איז א פערווייסטע טרונע. עקעלדיג אין דעם העכסטען גראד. די גאנצע פוילענעש אין יענעם מילל־טהאָל מיט דעם גאנצען שרעקלי־כען עפּוש פעראונרייניגט דאָס וואסער אין די רעהרען פון די בע־דער. און דערזעלבער שמוץ רינט ארויס אויפ'ן ברעג. —

ה א ו ו ס ט א ד. דאָרט, וואו די ים־בעדער זיינען?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דאָרט.

ה אָ ו ו ס ט א ד. אָבער ווי אזוי זיינט איהר אזוי זיכער אין דעם אללעם?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. איך האָב אונטערזוכט די צושטענדע אזוי געוויסענהאפט, ווי מעגליך. עס איז שוין א לאנגע צייט, דאָס איך האָב געהאט מיינע צווייפלען וועגען דעם. לעצטען יאָהר האָ־בען מיר געהאט מאנכע מערקווירדיגע קראנקהייטס־פעללע, אטאקען פון טיפוס און גאסטריטיס —

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאַ, איך געדענק.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. צו יענער צייט האָב איך גערעכענט, אז די געסט האָבען געבראַכט די זאראזע מיט זיך, אָבער זייט לעצ־טען ווינטער בין איך געקומען צו אַן אנדער שלוס. איך האָב אָנ־געהויבען צו אונטערזוכען דאָס וואסער אזוי גוט, ווי איך האָב געקאָנט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָט ביי דעם האָסטו עס אזוי שווער געאַרבייט?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאַ, דאָס מעגסטו זאָגען, אז איך האָב שווער געאַרבייט, קאַטרינע. אָבער דאָ האָב איך ניט געהאַט די נויטיגע וויסענשאַפטליכע אינסטרומענטען, און האָב אוועקגעשיקט ביידעס, אונזער טרינק־און ים־וואסער אין אוניווערסיטעט פאַר א ריכטיגען אנאַליז דורך א כעמיקער —

ה אָ ו ו ס ט א ד. און איהר האָט עס איצט געקראָגען דעם ענטפער?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (ווייזענדיג דעם בריעף) אָט איז ער. און ער בעווייזט אָהן א שאָטען פון צווייפעל די אנוועזענהייט פון אָרגאַנישען שטאָף אין דעם וואסער — מיליאָנען פון מיקראָסקאָ־פישע וועזענס. דאָס איז אבסאָליוט געפעהרליך פאַר די געזונד־הייט, צו מי געברויכט עס אויפ'ן קערפּער, צו אין קערפּער.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. וואָס פאַר א גליק, דאָס דו האָסט עס אויסגעפונען אין צייט!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דו מעגסט עס זאָגען, אז עס איז א גליק.

ה אָ ו ו ס ט א ד. און וואָס רעכענט איהר איצט צו טהאָן, דאָקטאָר?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. וואָס הייסט? מאַכען אַלעס ריכטיג.

ה אָ ו ו ס ט א ד. דענקט איהר, אז מי קען עס מאַכען?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. עס מוז געמאַכט ווערען. אויב ניט, זיינען די בעדער נוצלאָז און רואינירט. אָבער דערצו דאַרף עס ניט קומען. איך וויים גאַנץ גוט, וואָס מי וועט מוזען טהאָן.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אבער, אז דו זאָלסט עס אלעם האלטען בסוד!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. וואָלסטו געוואלט, איך זאָל לויפען איבער'ן שטאָדט און ריידען איבער דעם, איידער איך האָב נאָך עטוואָס געוואוסט פאר זיכער? ניין, אזוי משוגע בין איך נאָך ניט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָבער פאר אונז, אין דער היים.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. ניט א פּיפּס פאר א לעבעדיגען וועזען. אבער מאָרגען קענסטו לויפען צו דעם אַלטען פוקס—

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָה, אָטטאָ!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו, נו, צו דיין טאַטען, ער וועט עס מאַכען א קאָפּ אויגען, דער אַלטער. ער דענקט, אז עפּעס איז אַין מיין אויבערשטיבעל ניט ריכטיג — יא, און עס זיינען דאָ גענוג אנדערע, וואָס דענקען פּונקט אזוי. אָבער איצט וועלען די גוטע מענשען איינזעהען (ער שפּרייזט איבערן צימער, רייבענדיג די הענד) ווי די שטאָדט וועט עס קאָכען, קאַטערינע! דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען, וואָס עס וועט זיין. די אַללע וואססער־רעהרען וועט מען מוזען איבערלייגען.

ה אָ ו ס ט אַ ד. (אויפהויבענדיג זיך) אַלע וואסער־רעהרען?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו, זיכער. מי האָט זיי גלייך אוועקגעלייגט צו נידריג. זיי מוזען אריבערגעטראָגען ווערען צו א העכערען גרונד.

פ ע ט ר אַ. אַלזאָ, נאָך אַלעמען ביזטו גערעכט?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, געדענקסטו, פּעטראַ? איך האָב דאַן נאָך געשריען גענען דעם, ווי מי האָט זיי געבויט. אבער קיינער האָט מיר ניט געוואָלט הערען. איצטער אָבער וועלען זיי שוין מוזען הערען. איך האָב פערטיג געמאַכט א רעפּאָרט צו די דירעקטאָרען. עס איז געלעגען א גאַנצע וואָך אָנגעגרייט. איך האָב נור געווארט אויף דיזען בריעף. איצט אָבער זאָלען זיי עס גלייך האָבען. (ער געהט אוועק אין זיין צימער און קומט צוריק מיט אַ פּאַק פּאַפּירען) זעהט? פיער געדיכט־אָנגעשריבענע בויגענס. און דער

בריעף זאָל אויך אוועקגעשיקט ווערען. א צייטונג, קאַטערינע! קריג מיר עפּעס, אין וואָס עס איינצואוויקלען. אָט איז עס. ריכ־טיג. גיב עס צו — צו (קלאַפּט מיט׳ן פוס) ווי הייסט זי דאָרט? נו, גיב עס צו דער דיענסטמיידעל, און זאָג איהר, זי זאָל עס גלייך אוועקטראָגען צום בירגערמייסטער. (מרס. שטאָקמאַן געהט ארויס מיט׳ן פּאַקעט דורך דעם עסצימער.)

פּ ע ט ר א. פאָטער! וואָס דענקסטו, וועט דער פעטער פּע־טער זאָגען?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. וואָס זאָל ער זאָגען? ער וועט געוויס זיין העכסט דערפרייט, דאָס אזא וויכטיגער פאַקט איז אויסגעפונען געוואָרען.

ה אָ ו ו ס ט א ד. איך רעכען, איהר וועט מיר ערלויבען צו שרייבען א קורצען נאָטיץ אין דעם „פאָלקסבאָטע“ וועגען אייער ענטדעקונג.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. יא, איהר וועט מיר ווירקליך טהאָן א גרויסע טובה.

ה אָ ו ו ס ט א ד. עס איז זעהר וויכטיג, און וואָס גיכער דער עולם וועט עס וויסען, דאָס בעסער.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, אזוי איז עס.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. (צוריקקומענדיג) זי איז שוין אוועק דערמיט.

ב י ל ל י נ ג. גאָט זאָל מיר אזוי העלפען, דאָקטאָר, איהר זיינט דער גרעסטער מאן אין שטאָדט.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (שפּרייזט איבער׳ן צימער פול מיט שמחה) אָה, נאַרישקייטען! נאָך אַלעמען האָב איך דאָך מעהר ניט געטהאָן, ווי מיין פליכט. איך בין געווען נור גליקליכער פאר אנ־דערע. דאָס איז אללעס. אָבער ווי עס איז —

ב י ל ל י נ ג. האָווסטאד, דענקט איהר ניט, אז די שטאָדט האָט בעדאַרפט פאַראַנשטאַלטען א פּראָצעסיאָן מיט פאַקעלען לכבוד אונזער דאָקטאָר?

ה אָ ו ו ס ט א ד. איך וועל זיכער זעהען וועגען דעם.

ב י ל י נ ג. און איך וועל עס איבעררײדען מיט אַסלאַקסען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. ניין, טהייערע פריינד. לאָזט דיזע שמאָכטעס צורוה. איך וויל גאָר ניט הערען פון אַזאַ זאַך. און אויב די דירעקטאָרען זאָלען מיר וועלען געבען א העכערען געהאַלט, נעהם איך עס ניט. איך זאָג דיר, קאַטערינע, אז איך וועל עס ניט אָנ־נעהמען.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. און דו וועסט זיין גערעכט, אָטטאָ!

פּ ע ט ר א. (אויפהויבענדיג איהר גלאָז) דיין געזונדהייט, פאָטער!

ב י ל י נ ג און ה אָ ו ס ט א ד. אייער געזונדהייט, דאָקטאָר!

ה א ר ס ט ע ר. (אָנריהרענדיג די גלאָז מיט'ן דאָקטאָר'ס) איך ווינש אייך פיעל גליק פון אייער ענטדעקונג.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך דאַנק אייך, מיינע גוטע פריינד. איך בין אַזוי גליקליך. אָה, עס איז ווירקליך א ברכה צו וויסען בײ זיך אליין, אז דו האָסט עפּעס רעכטעס געטהאָן פאר דיינע ברידער און בירגער, הורראה, קאַטערינא! (ער כאַפּט איהר אַרום מיט ביידע הענד, און דרעהט זיך מיט איהר ארום צימער. אַללע לאַכען, אַפּלאָדי־רען און שרייען הורראה פאַר'ן דאָקטאָר. מרס. שטאָקמאַן רייסט זיך פון זיין אומאַרמונג און קוויטשעט. די אינגלאך שטעקען אַריין זייערע קעפּלאך דורכ'ן טיר.)

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

(אין דעמזעלבען פּלאַץ. פריהמאָרגען צייט. די טיר פון עסצי־מער איז צוגעשלאָסען. מרס. שטאָקמאַן געהט אריין מיט אַ פערזיגעלטען בריעף אין איהר האַנד, געהט צו צו דער טיר, וועלכע פיהרט אין דר. שטאָקמאַנס שטודיר־צימער, און קוקט אַריין.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. ביסטו דאָ, אָטטאָ?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (פון אינעוועייניג) יאָ, איך בין נור וואָס צוריקגעקומען. וואָס איז עס?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. א בריעף פון דיין ברודער. (דער־לאַנגט איהם דעם בריעף.)

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָה, לאָמיר זעהען. (עפענט דעם קאָנווערט און לייענט) „דער איינגעשלאָסענער מאַנוסקריפּט ווערט הירמיט צוריקגעשיקט“ (לייענט מורמלענדיג) הם —

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאָ, וואָס שרייבט ער?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (אריינלייגענדיג דעם בריעף אין קעשענע) גאָר ניט. ער שרייבט בלויז, דאָס ער וועט אַליין קומען אַהער ארום נאָך מיטאָג.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אויב אַזוי, מוזסטו טאָקי געדענקען עס און פערבלייבען אין דער היים.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָה, דאָס קען איך שוין טהאָן גוט גע־נוג, ווייל אַלע נויטיגע וויזיטען האָב איך שוין געמאַכט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען, ווי ער נעהמט אויף דיזע נייעס.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דו וועסט זעהען, ער וועט ניט זיין איבעריגס גליקליך, דאָס איך, און ניט ער, האָט געמאַכט דיזע ענט־דעקונג.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. יא, האָסטו טאַקי דערפאר קיין מורא ניט?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. ניין.; אין גרונד הארצען וועט ער זיין צופריעדען. אָבער דאָך פּעטער האָט אזוי פערדאמט מורא, אז אימיצער אנדערש א חוץ איהם, זאָל טהאָן עטוואָס גוטעס פאר די שטאָדט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. ווייסטו, אָטטאָ, דו האָסט בעדארפט זיין פריינדליך, און טהיילען זיך אין דעם כבוד מיט איהם. וואָלסטו ניט געקאָנט זאָגען, אז דאָס איז ער געווען, וואָס האָט געבראכט דיר אויף דיזען געדאנק?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. מיינעטוועגען, וואָס ארט עס מיר, אויב איך וואָלט נור דורך דעם געקאָנט מאכען די זאך בעסער. איך — (דער אַלטער מאַרטען קילל קוקט אריין דורך די טיר, קוקט זיך אַרום, ווי איינער, וואָס וויל עפּעס אויסשפּיאָנירען, און רעדט כיטרע.)

מ אָ ר ט ע ן ק י ל ל. איז עס — איז עס אמת?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. (גייענדיג איהם אַנטקעגען) פאָטער, ביזטו עס?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. האַללאָ, שווער, גוט מאָרגען, גוט מאָרגען!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער קום דאָך אריין.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל ל. יא, אָבער עס איז אמת? אויב ניט, געה איך שוין אוועק.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אויב וואָס איז אמת?

מ אָ ר ט ע ן ק י ל ל. יענע לעבערליכע געשיכטע וועגען די וואסער־לייטונג. איז עס אמת?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. געוויס, איז עס אמת. אָבער, ווי אזוי האָט איהר זיך עס דערוואוסט?

מ אָ ר ט ע ן ק י ל ל. (אריינגעהענדיג אין צימער) פּעטרא איז אריינגעלאָפען צו מיר, גייענדיג אין שולע —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. נו, האָט זי עס?

מאַרטען קילל. יא, יא, און זי האָט מיר עס דער־צעהלט. איך האָב געטראַכט, אז זי מאַכט נור חוזק פון מיר. אָבער אויף אזא זאַך איז פּעטרא, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט פעהיג.

דר. שטאָקמאַן. נאַטירליך ניט. ווי האָט עס אייך געקאָנט גאַר איינפאַלען?

מאַרטען קילל. אָה, מי טאָר היינטיגע צייטען קיינעם ניט גלויבען. מי קען פון דיר מאַכען א נאַר, נאָך איידער דו זעהסט זיך ארום. אַלזאָ, איז עס טאַקי אמת?

דר. שטאָקמאַן. געווים, און איצט, שווער, זעצט אייך. (ער צייגט איהם זיך זעצען אויפ'ן סאָפע) און איז עס ניט אַן אמת'ע ברכה פאר'ן שטאָדט?

מאַרטען קילל. (קוים זיך איינהאַלטענדיג פון אויסצו־שיסען מיט אַ געלעכטער) א ברכה גאַר פאר'ן שטאָדט?

דר. שטאָקמאַן. יא, דאָס איך האָב געמאַכט די ענט־דעקונג, ווען עס איז נאָך ניט צו שפּעט —

מאַרטען קילל. ריכטיג, ריכטיג. אָבער איך וואָלט קיינמאָל ניט געריכט זיך אויף דיר, אז דו זאָלסט דיין אייגענעם ברודער אָבטהאָן אזא שפּיצעל.

דר. שטאָקמאַן. א שפּיצעל גאָר!

מרס. שטאָקמאַן. אָבער ווירקליך, טהייערער פאָ־טער —

מאַרטען קילל. (אָנשפּארענדיג זיינע הענד און מאָרדע אויף דעם קאָפּ פון זיין שטעקען און ווינקענדיג כיטרע צו דעם דאָק־טאָר) נו, וועגען וואָס האנדעלט זיך עס דאָ? איז עס ניט אום דעם, ווי אַ געוויסע חיה איז אריין דורך די וואַסער־רעהרען.

דר. שטאָקמאַן. יא, גאַנץ פּיטשאָנאָטשינקע חיה'לעך.

מאַרטען קילל. און גאָר פיעלע פון זיי זיינען אַהין פערקראָכען? פּעטרא דערצעהלט, אז גאָר א שרעקליכע צאָהל.

דר. שטאָקמאַן. ריכטיג. קיינער קען זיי ניט זעהען.

מאַרטען קילל. (מיט אַ פערשטיקטען געלעכטער) דער

שד זאָל מיר צונעהמען, אויב דאָס איז ניט די בעסטע זאַך, וואָס איך האָב פון דיר געהערט.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. וואָס מיינט איהר?

מ אָ ר ט ע ן ק י ל ל. אָבער דו וועסט דאָך קיינמאָל ניט קענען מאַכען דעם בירגערמייסטער גלויבען אין אַזאַ שטות.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דאָס בלייבט איבער צו זעהען.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל ל. דענקסטו ווירקליך, אז ער וועט זיין אזוי נאַריש?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. איך האָף, אז די גאַנצע שטאָדט וועט זיין אזוי נאַריש.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל ל. די גאַנצע שטאָדט, דאָס קען שוין זיין. אָבער א מצוה אויף זיי. זיי האָבען געוואָלט זיין קליגער פאר אונז, אַלטע. זיי האָבען מיך ארויסגעדזשוויגעט, אלס פרע־זידענט פון דער קאָמיטע. יא, איך זאָג דיר, זיי האָבען מיך ארויס־געוואָרפען, ווי א הונד. און איצט וועט מען עס מיט זיי טהאָן. נור דו זאָלסט אויפהאַלטען דיין שפּיעל מיט זיי.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. יא, אָבער, שווער.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל ל. דו געה נור אָן, זאָג איך דיר. אויב דו קענסט מאַכען, אז דער בירגערמייסטער און זיינע פריינד זאָלען קריגען די נעזער צובלוטיגט, וועל איך אוועקגעבען גלייך הונדערט קראָנען פאר די ארימע.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. נו? דאָס וואָלט געווען זעהר פיין פון אייך.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל ל. איהר ווייסט דאָך, פיעל ארויסצו־וואַרפען האָב איך ניט. אָבער אויב דו פיהרסט עס אויס, וועל איך געבען פופציג קראָנען פאר די אָרימע־לייט אום קריסמעס. (האווסטעד קומט אריין דורכ'ן פאָרצימער.)

ה א ו ו ס ט ע ד. א גוטען מאָרגען. (אָבשטעללענדיג זיך.) אה, איך בעט אום ענטשולדיגונג.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. עס מאַכט ניט. קומט נור אריין.

מ אַ ר ט ע ן ק י ל ל. (ווידער מיט אַ פערשטיקטען געלעכ־טער) ער אויך אין דעם?

ה א ו ו ס ט ע ד. וואָס מיינט איהר?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, געוויס איז ער אויך אין דעם.

מ אַ ר ט ע ן ק י ל ל. איך האָב מיר עס בעדאַרפט משער זיין! דאָס מוז דאָך אַריינגעשטעלט ווערען אין די צייטונגען. אָה, שטאָקמאַן, דו ביסט דער ריכטיגער בעל דבר. לאָזען זיי קריגען. און איצט געה איך אוועק.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָה, ניין, בלייבט נאָך אַ ביסעל, שווער.

מ אַ ר ט ע ן ק י ל ל. ניין, איך געה. שפּיעל זיי אַזוי פיעל שפּיצלאַך, וויפיעל דו קענסט נור. און איך וועל שוין זאָר־גען, אַז דו זאָלסט דערפון גאָר ניט פאַרלירען. (ער געהט אוועק. מרס. שטאָקמאַן געהט אויך מיט איהם.)

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (לאַכענדיג) דענקט זיך נור! דיזער אַלטער גלויבט דאָך ניט א וואָרט וועגען דיזע גאַנצע אַנגעלעגענ־הייט.

ה א ו ו ס ט א ד. איז דאָס געווען, וועגען וואָס —

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, וועגען דעם האָבען מיר עס גע־רעדט. און אפשר זיינט איהר אויך געקומען וועגען דאָס זעלבע.

ה א ו ו ס ט א ד. איך האָב מיר די זאַך נאָך אַ מאָל איבער־לעגט זייט נעכטען ביי נאַכט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו? —

ה א ו ו ס ט א ד. פאַר אייך, אַלס דאָקטאָר, און אַלס אַ מאַן פון וויסענשאַפט, איז דיזע אַנגעלעגענהייט מיט די וואַסער־רעהרען אַ זאַך וואָס איז וויכטיג אַן און פאַר זיך. איך שטעל מיר פאָר, אַז אייך איז גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז נאָך פיעלע אַנדערע זאכען האָ־בען מיט דעם אַ שטאַרקע שייכות.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא — ווי אַזוי? לאָמיר זיך אוועקזע־צען, אַלטער יונג. ניין, דאָרט, אויף דער סאָפאַ. (האַוסטעד זעצט

זיך אויף דער סאפא, דער דאָקטאָר אויף אַ שטוהל פון דעם אַנדערען זייט פון טיש.)

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אַלזאָ, איהר דענקט? —

ה א ו ו ס ט א ד. איהר האָט נעכטען געזאָגט, אז דאָס שלעכטע וואסער קומט פון די אונרייניגקייטען אין מיהל־טהאל —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. געוויס. גאָר אָהן א שום צווייפעל קומט עס פון יענעם זומפ דאָרט אין דעם מילל־טהאָל.

ה א ו ו ס ט א ד. ענטשולדיגט, דאָקטאָר, אָבער איך דענק, אז דאָס קומט גאָר פון אַן אנדער מין זומפ.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. וואָס פאר אַן אנדער מין זומפ קען עס זיין?

ה א ו ו ס ט ע ד. דער זומפ, אין וועלכען אונזער גאַנצער עפפענטליכער לעבען שטעהט און פוילט.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. וואָס פאר א נייע אידעע איז אייך אריינגעקומען?

ה א ו ו ס ט א ד. אַללע אנגעלעגנהייטען פון שטאָדט זיינען ביסלאכווייז אריין אין די הענד פון א באנדע ביוראָקראטען.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָה, וואָס רעדט איהר, זיי זיינען דאָך ניט אַללע קיין ביוראָקראַטען.

ה אָ ו ו ס ט א ד. ניין, אָבער די, וועלכע זיינען עס ניט, זיינען זייערע פריינד און אנהענגער. זיי זיינען אַללע רייכע מענשען, טרעגער פון בעריהמטע נעמען. אָט דיזע זיינען עס, וואָס קאָנטראָלירען און רעגירען איבער אונז.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער זיי זיינען דאָך מענשען מיט שכל, מיט פעהיגקייטען.

ה א ו ו ס ט א ד. א שפּאס א קאָפּ האָבען זיי ארויסגעוויזען זייער שכל, ווען זיי האָבען אוועקגעלייגט די וואסער־רעהרען!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. ניין, דאָן ניט. און עס איז ווירקליך געווען זעהר נאַריש פון זיי. אָבער דאָס וועט דאָך גלייך צורעכט געמאכט ווערען.

האוווסטאד. דענקט איהר, אז דאָס וועט זיך מאַכען אזוי גלאַטלאַך?

דר. שטאָקמאַן. גלאַטלאַך, צו ניט, טהאָן דאָס וועט מען מוזען.

האוווסטאד. יא, ווען די פּרעססע וועט עס אויפ־נעהמען.

דר. שטאָקמאַן. גאָר ניט נויטיג, מיין טהייערער. איך בין זיכער, אז מיין ברודער —

האוווסטאד. ענטשולדיגט, דאָקטאָר, אָבער איך וויל, אז איהר זאָלט וויסען, אז איך געה נעהמען די זאַך אין מיינע הענד.

דר. שטאָקמאַן. אין דער צייטונג?

האווסטאד. ווען איך האָב איבערגענומען דעם „פאָלקס־באָטע", האָב איך בעשלאָסען, אז איך מוז צוברעכען יענע מאַשין פון די איינגעשפּארטע און אַלטע נארען, וועלכע האַלטען אַללעס אין זייערע הענד.

דר. שטאָקמאַן. אָבער איהר האָט דאָך מיר אליין דערצעהלט, אז איהר האָט שיער ניט אונטערגעבראַכט אייער צייטונג, און איהר האָט געמוזט זיך א דרעה טהאָן אין גאַנצען אָן א זייט.

האוווסטאד. יא, מיר האָבען געמוזט א ביסעל פאַר־באַהאַלטען אונזערע הערנער. דאָס איז שוין גאַנץ ריכטיג. דעמאָלט איז געווען די סכנה, אז די בעדער וועט מען גאָר קיינמאָל ניט אָנ־פאַנגען, אויב מי וואָלט דאן יענע מאַשין אראָבגעוואָרפען. אבער איצט שטעהט די זאַך גאַנץ אַנדערש. און מיר קענען זיך גאַנץ גוט בעגעהן אָהן יענע אריסטאָקראַטישע חברה.

דר. שטאָקמאַן. יא, מי קען זיך שוין בעגעהן אָהן זיי. אָבער מיר זיינען זיי דאָך שולדיג אזוי פיעל.

האוווסטאד. דאָס וועלען מיר זיי בעצאָהלען. אָבער א זשורנאַליסט מיט אזעלכע דעמאָקראַטישע מיינונגען, ווי מיינע, קען ניט דורכלאָזען אזא געלעגענהייט, ווי די איצטיגע, דורכגליטשען זיך דורך זיינע פינגער. ער מוז צוברעכען די לעגענדע, וואָס האָט זיך

געבילדעט איבער די אונפעהלבארקייט פון אונזערע הערשער. פון אזא אונזין מוז מען פטור ווערען, ווי פון יעדען אנדערען פאָר־אורטהייל.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אין דעם בין איך מיט אייך איינפער־שטאַנען, הער האווסטאד. אויב דאָס איז א פאָראורטהייל איז ני־דער דערמיט.

ה א ו ו ס ט א ד. נון, וועט עס מיר זעהר לייד טהאָן אָנצור־געהן זעהר שטרענג געגען דעם בירגערמייסטער, ווייל ער איז דאָך אייער ברודער. אָבער איך ווייס, אז איהר האָט דיזעלבע מיינונג, וואָס איך: דער אמת איז פריהער פאר אלץ.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. געוויס, נאטירליך, אבער — אבער —

ה א ו ו ס ט א ד. איהר זאָלט חלילה ניט דענקען קיין בייזעס פון מיר. איך בין ניט מעהר איינגעשפּאַרט און מעהר עהרגייציג, ווי אנדערע מענער.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אבער, מיין טהייערער, ווער זאָגט אז איהר זיינט עס?

ה א ו ו ס ט א ד. איך שטאַם פון דעם ניעדריגען, פּראָסטען פאָלק, זוי איהר ווייסט עס, און איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען, וואָס עס איז נויטיג פאַר די ניעדריגע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. און דאָס איז אָט וואָס: זיי מוזען האָבען א טהייל אין דער פיהרונג פון די עפענטליכע אנגעלעגענהייטען. אָט דאָס ענטוויקעלט די מאַכט, דאָס וויסען און זעלבסטווירדע —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. איך פערשטעה עס פאָלקאָם.

ה א ו ו ס ט א ד. יא, און איך דענק. אז א זשורנאַליסט נעהמט אויף זיך א גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט, ווען ער פערנאַכ־לעסיגט א געלעגענהייט צו העלפען די מאַסען, די אָרימע, די אונטערדריקטע. איך ווייס גאנץ גוט, אז די העכערע קלאַסען רופען עס „אויפרעגען דאס פאָלק" און נאָך אנדערע נעמען, אבער זיי קענען זאָגען, וואָס זיי ווילען, ווען נור מיין געוויסען איז ריין, און איך —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. גאַנץ ריכטיג, טהייערער האווסטאד.

אבער דאָך — דער טייפעל זאָל עס האָלען — (אַ קלאַפּ אין טהיר.) קומט אריין!

(עס קומט אריין אסלאַקסען, דער דרוקער, ביין טיר פון דעם פאָר־צימער. ער איז אָרעם, אבער ריין געקליידעט אין שוואַרצען, טראַגענדיג אַ ווייסע, עטוואָס צוקנייטשטע האַלזטוך; אין זיינע הענד האַלט ער הענדזשקעס און אַ פילץ־הוט.)

אסלאקסען. (פערבויגענדיג זיך) איך בעט אום ענט־שולדיגונג, דאָקטאָר, פאַר מיין גרויסע העזה —

דר. שטאָקמאַן. (זיך אויפהויבענדיג) האַללאָ! איז דאָס ניט דער דרוקער אסלאַקסען?

אסלאקסען. יא, דאָס איז ער, דאָקטאָר.

האוסטאד. (אויפשטעהענדיג) דאַרפסט איהר מיך, אסלאקסען?

אסלאקסען. ניין, איך בין דאָס געקומען וועגען דאָקטאָר אליין. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז איך וועל אייך דאָ טרעפען.

דר. שטאָקמאַן. יא, וואָס־זשע קאן איך טאָן פאַר אייך?

אסלאקסען. איז דאָס אמת, וואָס איך האָב געהערט פון הערר ביללינג, אַז איהר געהט אונז שאַפען בעסערעס וואַסער?

דר. שטאָקמאַן. יא, פאַר די בעדער.

אסלאקסען. אָה, יא, איך ווייס עס. נו, בין איך געקומען אייך זאָגען, דאָס איך וויל אייך העלפען דערצו מיט מיין גאַנצען כח.

האוסטאד. (צום דאָקטאָר) איהר זעהט!

דר. שטאָקמאַן. געווים דאַנק איך אייך פון מיין גאַנצען האַרצען, אבער —

אסלאקסען. ווייל עס קען דאָך גאָר קיין רעד ניט זיין, אז איהר וועט האָבען די גאַנצע מיטעל־קלאַס הינטער זיך. מיר זיינען איצט אַ קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט אין שטאָדט — ווען מיר

ווילען נור ווירקליך. און עס איז אימער גלייכער, דאָקטאָר, צו האָבען מיט זיך די מאַיאָריטעט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דאָס איז אהן צווייפעל אמת. אבער איך קען מיר ניט פאָרשטעלען, אז מי זאָל דאָס אלעס דארפען. איך דענק, אַז אין אזא קלאָרע און גלייכע זאך —

א ס ל א ק ס ע ן. יא, אבער פון דעסטוועגען שאדען קען עס ניט. ווייל איך קען אונזערע רעגיערער אזוי גוט. די, וואָס זיינען ביין רודער, ליעבען עס ניט זעהר אָנצונעהמען עצות, וואָס קומען פון אנדערע. און דארום דענק איך, אז עס וואָלט ניט געווען איבריג, ווען מיר זאָלען פעראנשטאַלטען אַ סאָרט דעמאָנסטראציאָן.

ה אָ ו ס ט אַ ד. איך דענק אויך אזוי.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. א דעמאָנסטראציאָן, זאָגט איהר? אבער וואָס וועט איהר דען דעמאָנסטרירען?

א ס ל א ק ס ע ן. עס פערשטעהט זיך, אז מיר ווענלען עס טאָן מיט גרויסער בעשיידענהייט. בעשיידענהייט איז דעם בירגערס ערשטע טוגענד — ווענינגסטענס דאָס זיינען מיינע געפיהלען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. מיר ווייסען דאָס אלעס וועגען אייך, אסלאקסען.

א ס ל א ק ס ע ן. יא, איך דענק, אַז אויך אזוי פיעל קען איך נאָך מאכען אַ פרעטענזיע. און דיזע אנגעלעגענהייט פון די וואסער־לייטונג איז אזוי וויכטיג פאר אונז, מיטעלקלאס־מענשען. די בעדער קענען מיט דער צייט ווערען אַ קלייע גאָלד־מינע פאר די שטאדט, און דורך דיזע בעדער ווענלען מיר עס אלע אונזער לעבען מאכען, בעזאָנדערס מיר, וואָס האָבען הייזער. און דארום ווענלען מיר אונטערשטיצען די בעדער מיט אַלע אונזערע קרעפטען. און אזוי ווי איך בין דער פרעזידענט פון די הויז־אייגענטהימער חברה —

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא?

א ס ל א ק ס ע ן. און אזוי ווי איך בין אַ'ן אַגענט פון דער בעשיידענהייט געזעלשאפט — געווים ווייסט איהר דאָך, דאָקטאָר, אז איך בין זעהר טהעטיג פאר בעשיידענהייט —

ד"ר. שטאָקמאַן. נאַטירליך, נאַטירליך.

אסלאַקסען. בעגעגען איך זיך דאָך, נאַטירליך, מיט א גרויסע צאָהל מענשען. און אזוי ווי איך בין בעקאַנט צו זיין א שטילער, ניט קיין טרינקער, און א געזעצליעבענדער בירגער, ווי דער דאָקטאָר אליין וויים עס גאַנץ גוט, האָב איך א געוויסען איינפלוס אין שטאַדט, א שטעלונג פון א געוויסע אויטאָריטעט —

ד"ר. שטאָקמאַן. איך וויים דאָס אַלעס זעהר גוט, הערר אסלאַקסען.

אסלאַקסען. נו, אַלזאָ קענט איהר זעהען, אז פאַר מיר וואָלט געווען גאַנץ לייכט צונויפמאַכען א'ן אדרעס ווען עס זאָל קומען ענג.

ד"ר. שטאָקמאַן. א'ן אדרעס?

אסלאַקסען. יא, א סאָרט דאַנקבאַרקייטס-רעזאָלוציאָן פון די בירגער פון שטאַדט דערפאַר, וואָס איהר האָט ענטדעקט אזא זאַך, אזוי וויכטיג פאַר די גאַנצע געמיינדע. עס פערשטעהט זיך, אז דיזער אדרעס וועט דאַרפען געמאַכט ווערען מיט פּאַסענדער בעשיידענהייט, אזוי דאָס די אויטאָריטעט און די מענשען מיט א פאַרנעהם זאָלען ניט קענען האָבען דאַגעגען. און אויב מיר קענען נור זיין גענוג פאָרזיכטיג, אז קיינער זאָל זיך ניט בעליידיגען דענק —

האוסטאַד. און אפילו, אז זיי זאָלען עס ניט אזוי גלייכען —

אסלאַקסען. ניין, ניין, גאָר ניט, וואָס זאָל קענען בעליידיגען די, וואָס האָבען די אויטאָריטעט, הערר האוסטאַד. קיין געגנערשאַפט צו מענשען, וועלכע שטעהען אין נאָהענטע שייכות מיט אונז. אזא זאַך האָב איך קיינמאָל ניט געטאָן אין מיין גאַנצען לעבען. און קיין גוטס קומט דערפון אויך ניט ארויס. אַבער קיינער קען דאָך ניט האָבען געגען א'ן איבערלעגטען, פרייען מיינונגס-אויסדרוק פון די בירגער.

ד"ר. שטאָקמאַן. (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ) איך קען אייך ניט ערקלערען, הערר אסלאַקסען, ווי הערצליך עס פרעהט מיך

צו געפינען אזוי פיעל שטיצע צווישען מיינע מיטבירגער. איך בין אזוי גליקליך — אזוי גליקליך! וועט איהר ניט נעהמען א טראָפּען וויין? עה?

אסלאקסען. ניין, איך דאנק אייך, איך טרינק ניט דיזע זאכען.

דר. שטאָקמאַן. נו, איז א גלאָז ביער — וואָס וועט איהר צו דעם זאָגען?

אסלאקסען. איך דאנק אייך, דאָקטאָר. דאָס אויך ניט. איך טרינק קיינמאָל ניט, ווען עס איז נאָך אזוי פריה. אבער איצט געה איך אוועק אין שטאדט, וועל רעדען מיט די בעלי בתים און וועל פאָרבערייטען די עפענטליכע מיינונג.

דר. שטאָקמאַן. אָט דאָס איז זעהר פיין פון אייך, הערר אסלאקסען. אבער עס קען זיך ניט פאָטויפען אין מיין קאָפּ, אז די אַלע זאכען זיינען נויטיג. איך דענק, אז די זאַך וועט זיך מאַכען גאנץ פון זיך.

אסלאקסען. די בעאַמטע זיינען אימער זעהר לאנגזאַם, דאָקטאָר — גאָט זאָל אויסהיטען, אז איך זאָל דאָס זאָגען, אלס בעשולדיגונג.

האווסטאד. מאָרגען וועלען מיר זיי א ביסעל אויפוועקען דורך די צייטונג.

אסלאקסען. נור אָהן געוואלד, הערר האווסטאד. געהט אָן מיט בעשיידענהייט, אָדער איהר וועט גאָר ניט קענען מאַכען מיט זיי. איהר נעהמט אָן מיין עצה, ווייל איך האָב געלערנט אין דער שולע פון לעבען. און איצט וועל איך זאָגען גוט מאָרגען צום דאָקטאָר. איהר ווייסט איצט, אז מיר קליינע, מיטעלקלאַס־מענשען שטעהען הינטער אייך, ווי א פעלזען. איהר האָט די קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט אויף אייער זייט, דאָקטאָר.

דר. שטאָקמאַן. איך דאנק אייך זעהר, הערר אסלאקסען. (שטרעקט אוים זיין האַנד) א גוטען טאָג, א גוטען טאָג.

אסלאקסען. איהר געהט אפשר אין דרוק, הערר האוו־סטאד?

האווסטאד. איך וועל גלייך קומען. איך האָב פריהער
עטוואָס אַנדערעס צו טאָן.

אסלאקסען. גוט. (פערנייגט זיך, געהט אַוועק. דר. שטאָק־
מאַן בעגלייט איהם ביז צום פאָרצימער.)

האווסטאד. (ווען דער דאָקטאָר קומט צוריק) נו, וואָס
זאָגט איהר אויף דעם, דאָקטאָר? דענקט איהר ניט, אַז עס איז
די העכסטע צייט, אַז מיר זאָלען אויסראָטען און פטור ווערען פון
דיזע גאַנצע גלייכגילטיגקייט, אונענטשלאָסענהייט און שרעקע־
דיגקייט?

דר. שטאָקמאַן. רעדט איהר פון אסלאַקסען?

האווסטאד. יא, איך רייד פון איהם. אויך ער איז
איינער פון יענע, וואָס זיינען אין זומפּ, כאָטש ער איז א גאַנץ גוטער
יונג. און אזוי זיינען די מייסטע מענשען דאָ. זיי האַלטען אייביג
אין איין שאָקלען זיך פון איין זייט אויף די צווייטע, און אָט
צוליעב זייער צוויפעל און אנדערע זאַכען, האָבען זיי קיינמאָל
ניט דעם מוטה צו שטעלען א שריט ווייטער.

דר. שטאָקמאַן. יא, אבער אסלאַקסען זעהט מיר אויס
צו זיין אַ מענש, וואָס האָט גאַנץ גוטע און ריכטיגע ווינשע.

האווסטאד. עס איז דאָ אַ זאַך, וואָס איך שעץ פיעל
מעהר, דאָס איז צו בלייבען ביי אייער מיינונג און בעשלוס, אַלס
אַ מאַן, וועמען מי קען פערטרויען, און וועלכער קען זיך אויף זיך
אַליין פערלאָזען.

דר. שטאָקמאַן. אין דעם בין איך מיט אייך.

האווסטאד. און דאָס איז וואָס איך גלה טאָן. צו
בענוצען זיך מיט דער געלעגענהייט און זעהען, אויב איך קען ניט
אויפרעגען אַ מאָל די גוט־מיינענדע צווישען זיי. די פערגעטערונג
פון אויטאָריטעט מוז אויסגעריסען ווערען מיט'ן וואָרצעל אין
דיזער שטאדט. דיזער גרויסער אונפערצייהליכער פעהלער מיט די
וואסער־לייטונג דאַרף זיין גענוג צו עפענען די אויגען פון יעדען,
וואָס האָט אַ שטימע.

דר. שטאָקמאַן. זעהר גוט. אויב איהר דענקט, אַז

דאָס איז צום בעסטען פון די געמיינדע, טו זאָל זיין אזוי; אבער ניט, ביז איך וועל האָבען גערעדט מיט מיין ברודער.

ה א ו ו ס ט א ד. ווי עס איז, געה איך דערווייל פארטיג מאַכען א לייט־ארטיקעל. און אויב דער בירגערמייסטער זאָל ניט איינוויליגען —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אבער ווי קענט איהר זיך גאָר פאָר־שטעלען אזא זאַך?

ה א ו ו ס ט א ד. מי קען עס שוין זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלען. און דאַן —

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דאַן פערשפּרעך איך אייך. זעהט, דאַן קענט איהר דרוקען מיין ארטיקעל מיט'ן רעפּאָרט פּונקט ווי ער איז.

ה א ו ו ס ט א ד. איז דאָס א פערשפּרעכען?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן (דערלאַנגענדיג איהם דעם מאַנוסקריפּט). אָט איז עס. נעהמט עס מיט אייך. עס וועט אייך ניט שאדען דאָס איבערצוליייענען. און דאַן זאָגט מיר, וואָס איהר דענקט וועגען דעם.

ה א ו ו ס ט א ד. איך דאנק אייך. איך וועל עס טאָן מיט דעם גרעסטען פערגניגען. און איצט זייט געזונד, דאָקטאָר.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. זייט געזונד, זייט געזונד. איהר וועט זעהען, עס וועט געהן גלאַט, הערר האווסטאד, אזוי גלאַט.

ה א ו ו ס ט א ד. הם, מיר וועלען זעהן. (פערנייגט זיך און פערלאָזט דאָס צימער.)

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן (צוגעהענדיג צום טיר פון דעם עס־צימער און אריינקוקענדיג.) קאַטערינע! האַללאָ! שוין צוריק, פּעטרא!

פּ ע ט ר א. (אריינקומענדיג) יא, איך בין נור וואָס צוריקגע־קומען פון דער שולע.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. (אריינקומענדיג) איז ער נאָך דאָ ניט געווען?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. פּעטער, מיינסטו? ניין. אבער איך האָב דאָ געהאט א שמועס מיט האווסטאדען. ער איז גאָר ענט־ציקט פון מיין ענטדעקונג. ווייל, פערשטעהסטו מיך, דאָס גרייכט

פיעל ווייטער, ווי איך האָב אין אָנפאנג זיך פאָרגעשטעלט. און ער האָט מיר זיין צייטונג אָנגעבאָטען צו אַלע צייטען, ווען איך זאָל נור דארפען.

מרס. שטאָקמאַן. אבער דענקסטו, אז דו וועסט בעדאר־פען זיין צייטונג?

דר. שטאָקמאַן. ניט איך. אבער עס איז אלץ איינס, עס פיהלט זיך עפּעס שטאָלצער, אז מי וויים, דאָס די פרייע און־אבהענגיגע פרעסע איז אויף דיין זייט. שטעל זיך נור פאָר, איך האָט היינט געהאט אַ בעזוך פון דעם פרעזידענט פון דעם הויז־אייגענטהימער פערבאנד.

מרס. שטאָקמאַן. ווירקליך! און וואָס האָט ער געוואָלט?

דר. שטאָקמאַן. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגען זיין שטיצע. יעדער איינער פון זיי וועט מיר העלפען, ווען דאָס זאָל נויטיג זיין. קאטערינע, ווייסטו וואָס איך האָב הינטער מיר?

מרס. שטאָקמאַן. הינטער דיר? ניין. וואָס האָסטו הינטער דיר?

דר. שטאָקמאַן. די קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט!

מרס. שטאָקמאַן. נו, איז דאָס עפּעס גוט פאַר דיר, אָטטאָ?

דר. שטאָקמאַן. איך זאָל עס מיינען. (רייבענדיג זיינע הענד, ארומשפּרייזענדיג אזוי איבער'ן צימער.) אך, ווי גוט עס איז צו זיין אזוי ברידערליך פעראייניגט מיט איינעמם ברידער, מיט איינעמם מיט־בירגער!

פּעטרא. און צו טהאָן אזוי פיעל גוטעס, אזוי פיעל צו העלפען, פאטער!

דר. שטאָקמאַן. און, אלס צוגאָב, צו טאָן עס פאַר די אייגענע געבורטס־שטאדט.

מרס. שטאָקמאַן. אָט קלינגט דער גלאָק.

דר. שטאָקמאַן. דאָס מוז זיין ער. (אַ קלאָפּ אין טיר) אריין!

(בירגערמייסטער שטאָקמאַן קומט אַריין פון פאָרצימער.)

בירגערמייסטער. גוטען מאָרגען.

דר. שטאָקמאַן. איך בין גליקליך דיך צו זעהען, פעטער.

מרס. שטאָקמאַן. גוט מאָרגען שוואגער, ווי געהט עס?

בירגערמייסטער. איך דאנק. אַט אַזוי זיך. (צום דאָקטאָר.) נעכטען אין אָווענד, נאָך די אָפיס־שטונדען, האָב איך געקראָגען פון דיר אַ גאנצע דיססערטאציאָן איבער דאָס וואסער פאַר אונזערע בעדער.

דר. שטאָקמאַן. יא, האָסטו געלייענט?

בירגערמייסטער. יא, איך האָב.

דר. שטאָקמאַן. און וואָס איז דיין מיינונג?

בירגערמייסטער. הם. (ווארפענדיג אַ בליק אויף די פרויען.)

מרס. שטאָקמאַן. קום, לאָמיר געהן, פעטרא. (מרס. שטאָקמאַן און פעטרא פערלאָזען דאס צימער.)

בירגערמייסטער. (נאָך אַ קורצען שטילשווייגען) איז עס ווירקליך נויטיג געוועזן צו מאַכען דיזע אַלע אונטערזוכונגען הינטער מיין רוקען?

דר. שטאָקמאַן. יא, ביז איך בין געוועזן אבסאָלוט זיכער, האָב איך —

בירגערמייסטער. און איצט ביזטו זיכער?

דר. שטאָקמאַן. יא, און איך רעכען, אז דאָס האָט אויך דיר איבערצייגט.

בירגערמייסטער. רעכענסטו פאָרצולעגען דיזע ערקלערונג פאר די דירעקטאָר־קאָמיטע, אַלס אַ׳ן אָפיציעלען דאָקומענט?

דר. שטאָקמאַן. נאַטירליך. עטוואָס מוז דאָך געטאָן ווערען וועגען דעם. און טאַקי אזוי שנעל, ווי מעגליך.

בירגערמייסטער. ווי דער שטייגער איז, ברודער, געברויכסטו זעהר שטאַרקע אויסדריקע אין דיין ערקלערונג. דו

זאָגסט דאָרט גאַנץ קלאָר, אז דאָס וואָס מיר גיבען אונזערע בעזוכער, איז איינפאַך גיפט.

דר. שטאָקמאַן. אבער, פעטער, קען מען דאָס אָנרופען אַנדערש? דענק זיך נור— פערגיפטעטע וואסער פון אינווייניג און אויסענווייניג; און דאָס נאָך פאר קראנקע מענשען, וועלכע קומען צו אונז אין גוטען גלויבען, און וועלכע בעצאָהלען אונז אזוי טהייער, אום געהיילט צו ווערען!

בירגערמייסטער. און פון דעם קומסטו צום שלוס, אז מיר מוזען בויען א קאַנאַל, וואָס זאָל אוועקטראָגען די אַלע אויסגעטראַכטע אונריינקייטען פון דעם מיללערס-טהאַל, און דערצו נאָך איבערלעגען די אַלע וואַסער-רעהרען.

דר. שטאָקמאַן. יא, האָסטו עפּעס אַ׳ן אַנדער ברירה? ווייסטו עפּעס אַ׳ן אנדער מיטעל? איך וויים פון קיין אַנדער מיטעל.

בירגערמייסטער. איך בין היינט אין דער פריה געראדע אריין צום שטאָדט-אינזשענער און אזוי — האלב אין שפּאַס — האָב איך פאָרגעבראַכט דעם פּלאַן פון דיזע ענדערונג, וועלכע מיר זאָלען אפשר א מאָל מאכען אין דער צוקונפט.

דר. שטאָקמאַן. אפשר? אין דער צוקונפט?

בירגערמייסטער. ער האָט געשמייכעלט איבער מיין בעשיינפּערליכע אויסבּרענגעריי — נאַטירליך. האָסטו זיך גענומען די מיה צו בעטראַכטען, וויפיעל דיזע פאָרגעשלאָגענע פּלענער דאַרפען קאָסטען? פון דעם אינזשענער האָב איך זיך דערוואוסט, אז די געשיכטע וועט בעטרעפען עטליכע הונדערט טויזענד קראָנען.

דר. שטאָקמאַן. אזוי פיעל?

בירגערמייסטער. יא, אבער דאָס ערגסטע קומט נאָך. די ארבייט וועט מוזען געדויערען ווייניגסטענס צוויי יאָהר.

דר. שטאָקמאַן. צוויי יאהר? מיינסטו צו זאָגען גאַנצע צוויי יאהר?

בירגערמייסטער. ווייניגסטענס. און וואָס זאָלען מיר דערווייל טאָן מיט די בעדער? זאָלען מיר זיי צושליסען? וויי״ל

דאָס איז עס, צו וואָס עס וועט מוזען קומען. א חוץ דעם, גלויבסטו, אַז אימיצער וועט קומען אהער, ווען עס וועט זיך פערשפּרייטען דער קלאַנג, אַז אונזער וואַסער איז געפעהרליך פאַר די געזונדהייט?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אבער, פעטער, דו ווייסט דאָך, אַז עס איז שעדליך!

ב י ר ג ע ר מ יי ס ט ע ר. און דאָס אַלעס גערעדע איצט, ווען די בעדער העבען אָן אַזוי גוט זיך צו בעצאָהלען! די נאַכבאַר־שטעדט האָבען אויך א אידעע צו גרינדען בעדער. זעהסטו דען ניט, אַז זיי וועלען זיך גלייך נעהמען צו דער ארבייט, אום אוועק־צונעהמען דעם גאַנצען שטראָם פון די בעזוכער פאַר זיך? אין דעם איז גאָר קיין צווייפעל ניט. און ביי וואָס וועלען מיר בלייבען? מיר וועלען דאַן מוזען אויפגעבען אַלעס, וואָס האָט אונז געקאָסט אַזוי פיעל געלד און מיה אויפצובויען. און אויף אַזאַ אופן וועסטו האָבען רואינירט דיין אייגענע געבורטס־שטאָדט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך? רואינירען?

ב י ר ג ע ר מ יי ס ט ע ר. עס איז נור דורך די בעדער האָט אונזער שטאָדט א שטיקעל צוקונפט. דו ווייסט עס אַזוי גוט, ווי איך.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אבער וואָס דענקסטו זאָל מען טאָן?

ב י ר ג ע ר מ יי ס ט ע ר. דיין ערקלעהרונג האָט מיר ניט איבערצייגט, דאָס דער צושטאַנד פון דאָס וואַסער אין די בעדער איז אַזוי ערנסט, ווי דו שטעלסט עס פאָר.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און איך זאָג דיר, אַז עס איז אַזוי, און עס וועט נאָך זיין פיעל ערגער זומער־צייט, ווען די היצען וועלען אָנקומען.

ב י ר ג ע ר מ יי ס ט ע ר. דאָס עקזיסטירענדע וואַסער פאַר די בעדער איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל א פאַקט, און מוז נאַטירליך בעהאַנדעלט ווערען, אַלס אַזעלכעס. נור וואַהרשיינליך וועלען די דירעקטאָרען, ווען־עס־איז שפּעטער, ניט זיין אונווילליג צו נעהמען אין אַנבעטראַכט, אויב עס איז ניט מעגליך צו מאַכען אירגענד

וועלכע פערבעסערונגען, אפילו ווען דאָס זאָל דארפען קאָסטען אביסעל געלד.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און שטעלסטו זיך פאָר, דאָס איך וועל פאר איין מינוט מסכים זיין צו אזא שווינדעל?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. שווינדעל?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, דאָס וואָלט געווען א שווינדעל, א בעטרוג, א ליגען, א'ן אבסאָלוטער פערברעכען געגען דעם פובליקום, געגען די גאַנצע געזעלשאַפט.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איך בין נאָך ניט, ווי איך האָב בעמערקט, געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאָ עקזיסטירט ווירקליך אזא גרויסע געפאהר.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דו ביזט איבערצייגט. דו האָסט געמוזט ווערען איבערצייגט. מיינע בעווייזע זיינען אזוי איינפאַך און קלאָר. און דו ווייסט עס זעהר גוט, פעטער, נור דו ווילסט עס ניט צוגעבען. דו ביזט עס געווען, וועלכער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אז די וואסער־לייטונג זאָל אזוי געמאכט ווערען, ווי זי איז. און אָט דאָס איז עס, דיזער פערדאמטער טעות, וועלכען דו ווילסט ניט צוגעבען. הא, דענקסטו, אז איך פערשטעה דיר ניט דורך און דורך?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. און ווען אפילו דאָס וואָלט אזוי געווען? ווען איך פּאַס אויף אויף מיין רעפּוטאציע, טהו איך עס פאר דעם וואָהלזיין פון דער שטאדט. אָהן א מאָראַלישע אויטאָריטעט קען איך ניט פיהרען, ניט לייטען די שטאָדט־אנגעלעגענהייטען אזוי, ווי איך האַלט עס פאר נויטיג פאר דעם גליק פון דער גאנצער געמיינדע. דארום — און אויך צוליעב פערשיעדענע אנדערע גרינדע — איז עס פון גרויסער וויכטיגקייט פאר מיר, אז דיין ערקלערונג זאָל ניט פאָרגעלעגט ווערען פאר די קאָמיטע פון די דירעקטאָרס. דאָס מוז צוריקגעהאַלטען ווערען צוליעב דעם וואָהלזיין פון אַלע. שפּעטער וועל איך אליין פאָרברענגען די אנגעלעגענהייט צור דיסקוסיאָן, און מיר וועלען שטילערהייט

טאָן דאָס בעסטע, וואָס מיר קענען. אבער קיין זאַך, קיין וואָרט פון דעם אַלעם טאָר ניט פערעפענטליכט ווערען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אבער פאר דאָס איז שוין צו שפּעט, מיין טהייערער פעטער. דאָס קען שוין ניט געשטערט ווערען.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. עס מוז געשטערט ווערען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. עס קען ניט זיין, זאָג איך דיר. צו־פיעל מענשען ווייסען שוין וועגען דעם.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. ווייסען שוין? ווער? אפשר נאָך די חברה פון דעם „פאָלקסבאָטע“?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָה, יא, אויך זיי ווייסען עס שוין. די ליבעראלע און אונאבהענגיגע פרעסע וועט שוין גוט אויפפּאסען, אז דו זאָלסט טהון דיין פליכט.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. (נאָך אַ קורצען שטילשווייגען) דו ביזט אַ העכסט אונבערעכענטער מענש, אַטטאָ! האָסטו ניט אַ קלאָר געטאָן, וואָס קען דערפון ארויסקומען פאר דיר?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. וואָס פאר מיר קען ארויסקומען דערפון?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא, פאר דיר און די דייניגע.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. וואָס, צום טייפעל, מיינסטו?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איך גלויב, אז צו אַלע צייטען האָב איך זיך אויפגעפיהרט געגען דיר, אַלס אַ גוטער און העלפענדער ברודער.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, דאָס האָסטו, און איך דאנק דיר דערפאר.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איך פערלאנג גאָר ניט. ביז צו אַ געוויסען גראַד האָב איך עס געמוזט טאָן צוליעב זיך אַליין. איך האָב אימער געהאָפט, אז איך וועל דיר קענען האַלטען אין געוויסע גרענעצען, ווען איך האָב דיר געהאָלפען מאַטעריעל.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. וואָס? איז דאָס אַלעס געווען צוליעב זיך? —

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. ביז צו אַ געוויסען גראַד, זאָג איך

עס איז זעהר שמערצליך פאַר איינעם אין מיין שטעלונג, אַלס בעאַמטער, אַז זיין אייגענער ברודער זאָל ארומגעהן און האַלטען זיך אין איין קאָמפּראָמיטירען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און דענקסטו, אַז איך האָב עס געטאָן?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אָ, צום אונגליק טהוסטו עס, און דו ווייסט גאָר אַליין ניט דערפון. דיין גייסט איז א שטערענ־דער, א שטאָלצער און א רעבעללירענדער. און דאַן האָסטו א'ן אונגליקזעליגע ליעבע צו ווארפען זיך גלייך אין די עפענטליכקייט איבער יעדע מעגליכע און אונמעגליכע זאַך. עס דאַרף דיר נור עפּעס א אידעע קומען אין קאָפּ אריין, און גלייך מוזסטו שוין שרייבען א'ן אַרטיקעל, אויב ניט גאָר א בוך וועגען דעם.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, אבער איז עס ניט א בירגערס פליכט, ווען ער האָט נור א נייע אידעע, מיטצוטהיילען עס דעם פובליקום?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. פּשא! דער פובליקום נויטיגט זיך ניט אין נייע אידעען. פאַר'ן פובליקום איז גענוג די גוטע, אַלטע אנערקענטע אידעען, וועלכע זיי האָבען שוין.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און דו זאָגסט עס ארויס אזוי אָפען —

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איינס פאַר אַלע מאָל מוז איך מיט דיר זיין אָפענהערציג. ביז איצט האָב איך זיך געמאטערט דאָס צו פערמיידען, ווייל איך קען דאָך דיר, וואָס פאַר א'ן אויפגערעגטער מענש דו ביזט. אבער איצט מוז איך דיר זאָגען געוויסע וואהר־הייטען, אָטטאָ. דו האָסט גאָר קיין בעגריף ניט, אָטטאָ, ווי דו שעדיגסט זיך אַליין דורך דיין איבעראייליטקייט. דו קלאָגסט זיך אויף די אויטאָריטעטען, און זאָגאר אויף די רעגיערונג גופא— דו זידעלסט זיי און דו קלאָגסט זיך, אַז דו ביזט געשעדיגט און פערפאָלגט געוואָרען. אבער וואָס אנדערעס האָסטו געקענט ערוואַרטען, אַזאַ פייערבראַנד ווי דו?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. וואָס נאָך? בין איך שוין אויך א פייערבראַנד?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא, אָטטאָ, מיט דיר איז שרעקליך

שווער אויסצוקומען. איך ווייס עס פון ערפאהרונג. דו האלטסט זיך העכער איבער אלע און אלעס. עס זעהט אויס כמעט, ווי דו האסט פארגעסען, דאס מיר איז עס, וועמען דו האסט צו פערדאנקען פאר דיין שטעללע, אלס דאקטאר פון די בעדער.

ד ר. ש ט א ק מ א ן. איך האב געהאט א רעכט אויף דיזע שטעללע. איך, און קיין אנדערער. איך בין געוועזן דער ערשטער, וואס האט ענטדעקט, אז די שטאדט קען ווערען א בליהענדער באדע־פלאץ. איך בין געוועזן דער איינציגער, וואס האט עס דאן געזעהען. יאהרען לאנג בין איך געשטאנען אלליין, קעמפפענדיג פאר דיזע אידעע, איך האב געשריעבען און געשריעבען —

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. קיין צווייפעל. אבער דאן איז נאך ניט געקומען די ריכטיגע צייט. עס פערשטעהט זיך, אז אין יענעם לאך, וואו דו האסט דארט געשטעקט, ביזטו ניט געוועזן אין דער לאגע צו אורטהיילען ריכטיג. אבער אזוי שנעל, ווי עס איז געקומען דער ריכטיגער מאמענט, האב איך און אנדערע גענומען די זאך אין די הענד —

ד ר. ש ט א ק מ א ן. יא, און — איהר האט צוקאליע־טשעט מיין גאנצען פראכטפולען פלאן. אה, מיר זעהען עס איצט, וואס פאר גרויסע גאונים איהר זיינט.

ב י ר ג ע ר מ י יסטער. נאך מיין מיינונג, זעהען מיר, דאס דו דארפסט ווידער אן אויסגאנג פאר דיין לוסט צו קעמפפען. דו קענסט ניט לעבען, ניט קריגענדיג זיך מיט די, וואס זיינען איבער דיר. דאס איז שוין ביי דיר אן אלטע געוואוינהייט. דו ביסט איי־פערזיכטיג אויף יעדען איינעם, וואס פארנעהמט א העכערע שטעלע פאר דיר. דו בעטראכטסט איהם, אלס דיין פערזענליכען פיינד, און דאן איז שוין פאר דיר אלץ איינס, וואס פאר א סארט וואפען דו געברויכסט. איינער איז אזוי גוט, ווי דער אנדערער. אבער איצט האב איך דיר אויפמערקזאם צו מאכען אויף די וויכטיגקייט פאר ז'י שטאדט, און פאלגליך אויך פאר מיר. און דערפאר זאג איך דיר, אטטא, אז איך שטעה פעסט אויף דער פארדערונג, וואס איך געה איצט מאכען.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. און וואָס איז עס דיזע פאָרדערונג?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אַזוי ווי דו האָסט שוין געפלוי־דערט וועגען דעם צו אַנדערע, האָטש דאָס האָט בעדאַרפט בלייבען אַן אָפיציעלע געהיימנים, קען עס ניט מעהר דערשטיקט ווערען. אַללע סאָרטען קלאַנגען וועלען זיך צושפּרייטען, און די שלעכטע צווישען אונז וועלען נאָך דיזע קלאַנגען צופּוצען און צופאַרבען. עס איז דארום נויטיג, אז דו זאָלסט ענטפערן אויף דיזע קלאַנגען.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. איך? ווי אַזוי? איך פערשטעה דיר ניט.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. מיר ערלויבען זיך צו האָפען, אז נאָך א גרינדליכע אונטערזוכונג, וועסטו קומען צום שלוס, אז די גאַנצע זאַך איז ניט אַזוי געפעהרליך, ווי דו האָסט זיך ערשט אין דער ערשטער מינוט, נאָך אַן אויבערפלעכליכע אונטערזוכונג, פאָרגע־שטעלט.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָה! הא! אָט וואָס דו ווילסט!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. מיר ווילען, דו זאָלסט אויסדריקען דיין צוטרוי צו די דירעקטאָרס, און דאָס דו זאָלסט ערקלערען, אַז דו גלויבסט, אז זיי וועלען גרינדליך און געוויסענהאפט דורכפיהרען אַללע נויטיגע ענדערונגען און פאַרבעסערען אַללעס, וואָס מ׳י דאַרף.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער דאָס וועט איהר דאָך קיינמאָל ניט אויספיהרען, אזוי לאַנג, ווי איהר וועט אָנגעהן מיט אייער פאַר־קלעפּען און פאַרלאַטען. איך זאָג דיר, פּעטער, אז דאָס איז מיין פּעסטע איבערצייגונג.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אַלס בעאַמטער האָסטו קיין רעכט ניט צו האָבען אַ פּערזענליכע איבערצייגונג.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (ערשטוינט) קיין רעכט צו —

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אַלס בעאַמטער, זאָג איך. אַלס א פּריוואַט־מענש, גוטער גאָט, דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער זאַך, אָבער אַלס אַן אונטערגעאָרדנעטער בעאַמטער אין די בעדער, האָסטו קיין רעכט ניט אויסצודריקען אַן איבערצייגונג, וואָס זאָל ניט שטימען מיט דער איבערצייגונג פון די, וואָס שטייען איבער דיר.

ד ר. שטאָקמאַן. דאָס איז שוין געגאַנגען צו ווייט! איך, א דאָקטאָר, א מאַן פון וויסענשאַפט, האָב ניט קיין רעכט —

בירגערמייסטער. די פראגע, ארום וועלכע עס האַנ־דעלט זיך דאָ, איז ניט בלויז אַ וויסענשאַפטליכע, דאָס איז אַ פערפּלאָנטערטע פראגע. עס איז ביידעס, אי אַ טעכנישע און אי אַ'ן עקאָנאָמישע אנגעלעגענהייט.

ד ר. שטאָקמאַן. פּשאַ! וואָס האָט עס מיט מיר צו טהאָן! וואָס אַרט עס מיר, צום טייפעל? איך וויל זיין פריי צו ריידען איבער אירגענד וועלכע זאַך אויף דער ערד.

בירגערמייסטער. איבער אַלץ, נור ניט איבער די בעדער. מיר פאַרווערען עס דיר.

ד ר. שטאָקמאַן. (שרייענדיג) איהר פאַרווערט — איהר, אַזעלכע חברה —

בירגערמייסטער. איך פערבאָט עס דיר, איך, דיין הויפּט, דיין נאַטשאַלניק. און ווען איך פערבאָט דיר עטוואָס, ווערסטו עס מוזען פאָלגען.

ד ר. שטאָקמאַן. (קאָנטראָלירענדיג זיך) פּעטער, ווירקליך, ווען דו וואָלסט מיין ברודער ניט געוועזען—(פּעטרא עפענט די טיר.)

פּעטרא: פּאַטער, דו זאָלסט זיך ניט אונטערגעבען.

מרס. שטאָקמאַן. (אַריינקומענדיג נאָך איהר) פּעטרא, פּעטראַ!

בירגערמייסטער. אה, זיינען מיר אַלזאַ געשטאַנען הינטערן טיר און זיך צוגעהערט!

מרס. שטאָקמאַן. מיר האָבען ניט געקאָנט העלפען. איהר האָט גערעדט אזוי הויך.

פּעטרא. יאַ, איך בין דאָרט געשטאַנען און זיך צוגע־הערט.

בירגערמייסטער. נו, איך גאַנצען גענומען, בין איך צופריעדען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (צוקומענדיג נעהנטער צו איהם) דו האָסט צו מיר געדעדט פון פאַרוועהרען און פאָלגען —

בירגערמייסטער. דו האָסט מיר געצוואונגען צו ריידען מיט דיר אין יענעם טאָן.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און מוז איך עפֿענטליך ערקלערען, אַז איך האָב געזאָגט אַ ליגען?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. מיר האַלטען עס פאַר אבסאָליוט נויטיג, אַז דו זאָלסט ארויסלאָזען אַ'ן ערקלערונג אין די אויסדריקע, ווי איך האָב געפאָדערט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און ווי, אַז איך פאָלג ניט?

ב י ר ג ע ר מ י ס ט ע ר. דאַן וועלען מיר אַליין ארויסלאָזען אַן ערקלערונג, אום צו בערוהיגען דעם עולם.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. שיין און גוט. דאַן וועל איך שרייבען געגען אייך. איך בלייב ביי מיין מיינונג. איך וועל בעווייזען, דאָס איך בין גערעכט, און איהר אונגערעכט. און וואָס וועסטו צו דעם זאָגען?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. דאַן וועל איך זיין אונפעהיג ניט צו דערלאָזען, אַז דו זאָלסט ניט פארלירען דיין שטעלע.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. וואָס —

פ ע ט ר אַ. פאָטער, מ׳ וועט דיר אָבזאָגען פון דיין שטעלע!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָבזאָגען!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. דו וועסט פארלירען דיין שטעלע, אַלס בעאַמטער אין די בעדער. איך וועל זיין געצוואונגען צו פאָדערען, אַז מ׳ זאָל גלייך לאָזען וויסען דערפון, כדי דו זאָלסט שוין ניט מישען זיך אין קיינע אנגעלעגענהייטען וואָס געהערען צו די בעדער.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און איהר וועט סמייען דאָס צו טהאָן?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. דו אַליין ביזט עס, וואָס שפּיעלט עס אַזאַ העזה׳דיגע שפּיעל.

פ ע ט ר אַ. אָנקעל, אַזוי בעהאַנדלען אַ מענשען, ווי דער פאָטער איז, איז אַ שאַנדע.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. דו, זיי נור שטיל, פּעטראַ!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. (קוקענדיג אויף פּעטראַ) אָה, אָה, מיר ערלויבען זיך שוין אויך אויסצודריקען אַ מיינונג! נאַטירליך, (צו מרס. שטאָקמאַן.) שוועגערין, ווי עס ווייזט אויס, זיינט איהר די פּערנינפטיגסטע פּערזאָן אין דיזע הויז. געברויכט אייער גאַנצען איינפלוס מיט אייער מאַן. זעהט, גיט איהם צו פערשטעהן, וואָס דאָס אַללעס קען איהם ברענגען פאַר זיך און זיין פאַמיליע.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. מיין פאַמיליע געהט נור מיר אַלליין אָן..

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. פאַר ביידע, זאָג איך, פאַר זיין פאַמיליע און פאַר זיין שטאָדט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דאָס בין איך, וואָס פיהלט פאַר די שטאָדט, און וויל נור איהר גוטעס. איך וויל אויפדעקען די וואונ־דען, וועלכע פריהער אָדער שפּעטער יעדער וועט מוזען דערזעהען. אה! דו זאָלסט נאָך זעהען, ווי איך האָב ליעב מיין געבורטס־שטאדט!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. דו, וועלכער, אין זיין בלינדער איינגעשפּאַרטקייט, וויל אָבשניידען די קוועלען פון דער שטאָדט׳ס חיונה?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. מענש דו איינער, דער קוואל איז פערגיפטעט! ביזטו משוגע? מיר לעבען דורך דעם האַנדעל אין שמוץ און פוילעניש. דער גאַנצער עפענטליכער לעבען אונזערער האָט זיין וואָרצעל אין אַ ליגען!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. פּוסטע פאַנטאַזיעס — אָדער נאָך עטוואָס ערגערעס, ווי דאָס. דער מאַן, וואָס מאַכט אַזעלכע שלעכטע בעשולדיגונגען געגען זיין אייגענער געבורטס־שטאָדט, מוז זיין אַ פיינד פון דער געזעלשאַפט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (צוגייענדיג צו איהם) און דו סמייעסט צו —

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (טהוט זיך אַ וואָרף צווישען זיי) אָטטאָ!

פ ע ט ר א. (אָנכאַפּענדיג איהר פאָטער'ס ארעם) געלאָסען, פאָטער!

ב י ר ג ע ר מ י י ס טער. איך וועל זיך ניט מעהר אונטער־ווארפען דער געפאהר פון פיזישע געוואלט. דו ביסט געווארענט. איבערלייג זיך וועגען דעם, וואָס דו ביסט שולדיג זיך זעלבסט און דיין פאמיליע, זיי געזונד. (ער פערלאָזט דאָס צימער.)

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (שפּרייזענדיג איבערן צימער) און איך מוז איבערטראָגען אזא בעהאנדלונג אין מיין אייגענע הויז, קאַטערינע, וואָס דענקסטו וועגען דעם?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. עס איז ווירקליך א שאנדע און א בעליידיגונג, אַטטאָ!

פ ע ט ר א. ווען איך וואָלט נור געקאָנט געבען דעם אָנקעל —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. עס איז מיין אייגענע שולד. איך האָב שוין בעדארפט רעבעללירען געגען זיי לאנג צוריק — האָב זיי גע־דארפט ווייזען מיינע ציין, און מאכען זיי צו פיהלען זיי! און אזוי האָט ער מיר גאָר גערופען א פיינד פון דער געזעלשאפט! מיר! איך וועל עס ניט אריבערטראָגען. ביי גאָט, איך וועל ניט!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער, טהייערער אָטטאָ, נאָך אללעמען, האָט דאָך דיין ברודער די מאכט —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער איך האָב דאָך דאָס רעכט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אָה, יא, רעכט, רעכט, וואָס טויג עס צו זיין גערעכט, אז מי האָט ניט די מאכט?

פ ע ט ר א. אָה, מוטער, ווי קענסטו אזוי ריידען?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. וואָס? ניט גוט צו זיין גערעכט אין א פרייער געזעלשאפט! דו ביסט לעכערליך, קאַטערינא! און א חוץ דעם האָב איך דען ניט די פרייע אונאבהענגיגע פּרעססע מיט מיר? די קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט הינטער מיר? דאָס איז, מאכט גענוג, איך זאָל אזוי מיינען.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער, ליבער הימעל, דו דענקסט דאָך ניט —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. וואָס דענק איך ניט?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. צו קעמפּפען געגען דיין ברודער, מיין איך.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. וואָס, צום טייפעל, זאָל איך דען טהאָן, אויב איך וויל זיך האַלטען ביי דעם, וואָס איז ריכטיג און אמת?

פּ ע ט ר א. יא, אויך איך וואָלט עס געוואָלט וויסען?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער וואָס פאר א נוצען קען עס האָבען? אז זיי ווילען ניט, ווילען זיי ניט.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. הא! הא! דו וואַרט נאָר א וויי־לעטשקע. קאַטערינא, און דו וועסט זעהען, ווי איך וועל זיין דער זיגער אין קאמפף.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. יא, דו וועסט קעמפּפען געגען זיי. אָבער מי וועט דאָך דיר ענטזאגען פון דיין שטעללע. אָט וואָס וועט פּאַסירען.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. נו, דאַן וועל איך האָבען מיין פליכט געטהאָן צום פּובליקום, צו דער געזעלשאַפט. איך זאָל גערופען ווערען א פיינד פון דער געזעלשאַפט!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער וואָס מכח דיין פאמיליע, אָטטאָ! דענקסטו ניט, אז דו האָסט אויך פליכטען צו די, וועמען דו דאַרפסט פאַרזאָרגען מיט חיונה?

פּ ע ט ר א. אה, מוטער, דענק ניט אַלע מאָל פון אונז צום ערשטען.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. דיר איז גוט צו ריידען. דו קענסט שוין אליין בעשטעהן דיין שטעדטיל. אבער דענק דאָך פון די אינ־לאַך, אָטטאָ, און דענק א ביסעל פון זיך אליין אויך, און פון מיר —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער ווירקליך, קאַטערינא, דו ביסט דאָך אין גאַנצען משוגע. זאָל איך זיין אזא עלענדער פייגלינג, און זיך לאָזען טרעטען פון פּעטער און פון זיין גאַנצע פּערדאַמטע באַנדע?! זאָל איך וועון עס איז אין מיין לעבען שוין קיין מאָל קיין גליקליכע שטונדע ניט האָבען?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. דאָס קען איך ניט זאָגען. אָבער גאָט זאָל אונז אויסהיטען פון דעם גליק, וואָס מיר וועלען אַללע

האָבען, ווען דו וועסט בלייבען איינגעשפּארט. דאן וועסטו בלייבען אָהן לעבענסמיטעל, אָהן א בעשטימטען געהאלט. איך דענק, אז מיר האָבען שוין גענוג געהאט דערפון אין די אמאָליגע צייטען. דערמאָן זיך אָן דעם, אָטטאָ, געדענק, וואָס דאָס אלעס מיינט!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (קעמפּפענדיג מיט זיך און צונויפדריקענדיג זיינע הענד.) און אזעלכע סטראשונקעס סמייעט עס דיזע קהל'שע קליאמקע מאכען געגען א פרייען און אָן עהרליכען מאן! איז עס ניט שרעקליך, קאטערינע?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. יא, דאָס ער פיהרט זיך אויף שלעכט געגען דיר, איז זיכער. אבער, גוטער גאָט, עס איז דאָך דאָ אזוי פיעל אונגערעכטיגקייט אויף דיזער ערד, צו וואָס מיר מוזען זיין אונטערוואָרפען. אָט זיינען די אינגלאך! טהו א קוק אויף זיי! וואָס וועט פון זיי ווערען? אה ניין, דו קענסט עס ניט פועל'ן ביי זיך. (פרעדעריק און וואלטער קומען אריין מיט די שול־ביכער.)

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. די קינדער! (בלייבט פלוצלינג שטעהן שטיל און ענטשלאָסען) קיינמאָל ניט, מעג די גאנצע וועלט אונטערגעהן, וועל איך מיין נאקען ניט בויגען אונטערן יאָך. (ער געהט אין דער ריכטונג פון זיין צימער.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. (נאָכיאָגענדיג איהם) אָטטאָ! וואָס געהסטו טהאָן?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (ביין טיר שטייענדיג) איך וויל האָבען דאָס רעכט צו קענען קוקען מיינע קינדער גלייך אין די אויגען, ווען זיי וועלען אויסוואקסען. (געהט אריין אין זיין צימער.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. (פּלאַצט אויס אין א געוויין.) א, גאָט זאָל העלפען און טרייסטען אונז אללע.

פּ ע ט ר א. דער פאטער איז בראוו. ער וועט ניט נאָכגעבען. (די קינדער פרעגען פערוואונדערט, וואָס דאָס מיינט. פעטרא גיט זיי א וואונק, אז זיי זאָלען זיין רוהיג.)

פּאָרהאנג.

דריטער אַקט.

(אין דעם רעדאַקציאָנס־אָפפיס פון דעם „פאָלקסבאָטע“. אין הינ־טערגרונד, לינקס איז די איינגאַנגס־טיר. רעכטס ביי דער זעלבער וואַנד איז דאָ אַ טיר מיט גלעזערנע שויבען אין איהר, דורך וועלכע מ׳ קען זעהען די דרוקעריי. ביי דער רעכטער וואַנד איז דאָ אַ דריטע טיר. אין מיטען צימער שטעהט א גרויסער טיש, באַדעקט מיט פּאַפּירען, צייטונגען און ביכער. אַרונטער, לינקס, אַ פענסטער, און ביין פענסטער א שרייב־טיש מיט אַ הויכען שטוהל. איניגע פאָטעלען ארום טיש. מאַנכע שטוהלען שטעהען ביי די וואַנד. דער צימער איז שמוציג, אומעדיג, די מעבעל איז אַלט־מאָדיש און די פאָטעלען זיינען שמוציג און צוריסען. אין דער דרוקעריי זעהען זיך איניגע זעצער. וויטער אינוועניג זעהט מען אַ האַנד־פּרעס. האָווסטאַד, דער רעדאַקטאָר, זיצט ביין טיש. ביל־לינג קומט אַריין פון דער רעכטער זייט מיט דעם דאָקטאָר׳ס מאַנוסקריפּט אין האַנד.)

ב י ל ל י נ ג. גאָט זאָל מיר אזוי העלפען, איך מוז זאָגען. —

ה א ו ו ס ט א ד. (שרייבענדיג) האָט איהר עס אין גאַנצען איבערגעלייענט?

ב י ל ל י נ ג. (אַוועקלייגענדיג דעם מאַנוסקריפּט אויפ׳ן דעסק.) איך זאָל עס מיינען, אז איך האָב.

ה א ו ו ס ט א ד. דענקט איהר ניט, אז דער דאָקטאָר קומט ארויס שטאַרק?

ב י ל ל י נ ג. שטאַרק! גאָט זאָל מיר אזוי העלפען, ער איז פערניכטענד. יעדער וואָרט פאַלט, ווי דער קלאַפּ פון א האמער.

ה א ו ו ס ט א ד. יא, אָבער יענע מענשען פאַלען ניט מיט׳ן ערשטען קלאַפּ.

ב י ל ל י נ ג. דאָס איז שוין גאַנץ ריכטיג, גאָט זאָל מיר אזוי העלפען, אָבער מיר וועלען אָנגעהן האַמערענדיג קלאַפּ אויף קלאַפּ,

ביז די גאנצע באַנדע אריסטאָקראַטען וועט ליגען צושמעטערט. ווען איך בין אַזוי געזעסען דאָרט, לעזענדיג, האָט עס מיר אויסגעזעהען, ווי איך הער דעם שטורמען פון דער רעוואָלוציאָן.

האוּוסטאד. (אומדרייענדיג זיך) שאַ! פּאַסט נור אויף, אז אַסלאַקסען זאָל ניט הערען אַזעלכע ווערטער.

ביללינג. (אין א נידריגע שטימע) אַסלאַקסען איז א טרוס, א פייגלינג. ער האָט ניט קיין טראָפּען מוטה אין זיך. אָבער דעם מאָל וועט איהר דאָך נאַטירליך פאַרדערען, אז איהר זאָלט טהאָן, ווי איהר ווילט, הם! וועט איהר דרוקען דעם דאָקטאָר'ס אַרטיקעל?

האוּוסטאד. יא, וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען, קענען מיר אויסנוצען דיזע געלעגענהייט פאר אונזער טובה ווענען. אויב דער בירגערמייסטער זאָל ניט מרוצה ווערען אויף דעם דאָקטאָר'ס פאָר־שלאַג, וועט ער דאָך מוזען זיך צוקריגען מיט דער גאַנצער באַנדע אקציאָנערען, וועלכע זיינען ביז איצט געווען זיין גאַנצע שטיצע.

ביללינג. אָה, יא, ווייל עס איז דאָך זיכער, אז זיי וועלען זיך מוזען ארויסרוקען מיט א היבשע סומע.

האוּוסטאד. דאָס קענסטו וועטען. און דאַן, זעהסטו ניט, וועט די גאַנצע חברותא צובראָכען ווערען, און מיר וועלען טאָג איין, טאָג אויס ווייזען דעם עולם, אז דער בירגערמייסטער איז גענצליך אונפּאַסענד אין אַללע הינזיכטען, און דאָס אַללע שטעלען, די גאַנצע שטאָדט־רעגיערונג, מוז איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון מענשען מיט ליבעראַלע אידעען.

ביללינג. גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען, אָבער דאָס איז דאָך אַזוי ריכטיג. איך זעה עס, איך זעה עס. מיר זיינען ערב א רעוואָלוציאָן! (אַ קלאַפּ אין טיר.)

האוּוסטאד. שאַ! (ער רופט אַריין. דר. שטאָקמאַן קומט אַריין דורך די לינקע טיר. האָוסטאד געהט איהם אַנטקעגען.) אָ, אָט איז דער דאָקטאָר! נו?

דר. שטאָקמאַן. דרוקט עס, הערר האוּוסטאד! נור גערדרוקט.

ה א ו ו ס ט א ד. געהט עס אריין אזוי ווי עס איז?

ב י ל ל י נ ג. הורראה!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דרוקט עס, זאָג איך אייך. געוויס געהט עס אריין, ווי עס איז. אז זיי ווילען אזוי, טו זאָל זיין אזוי. איצט וועט עס זיין א מלחמה אין שטעדטעל, ביללינג!

ב י ל ל י נ ג. א מלחמה אויף מעסערס, דאָס איז, וואָס איך וויל, דאָקטאָר! א מלחמה אויף טוידט און אויף לעבען, דאָקטאָר.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דיזער ארטיקעל איז בלויז דער אָנ־פאנג. מיין קאָפּ איז שוין פול מיט פּלענער פאר פיער אָדער פינף ארטיקלען. אָבער וואו פארשטעקט איהר דאָרט אסלאַקסענען?

ב י ל ל י נ ג. (רופענדיג אין דער דרוקעריי) אסלאַקסען, קומט נור אריין פאר א וויילכטשקע.

ה א ו ו ס ט א ד. האָט איהר געזאָגט פיער אָדער פינף מעהר ארטיקלען איבער דער זעלבער זאַך?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. גאָט זאָל אויסהיטען, מיין טהייערער האווסטאד. ניין, זיי האָבען צו טהאָן מיט גאנץ פערשיידענע זאכען. אָבער זיי שטאַמען אללע פון איין קוואַל. איין זאך פיהרט צו דער צווייטער. עס איז פונקט ווי, ווען מי הויבט אָן טרייסלען אַן אלטע הויז, אקוראט דאָס זעלבע.

ב י ל ל י נ ג. גאָט זאָל מיר אזוי העלפען, דאָס איז אמת. און מי קען קיינמאָל ניט טהאָן עפּעס רעכטס, ביז די גאנצע חורבה ווערט ארונטערגעריסען.

א ס ל א ק ס ע ן. (געהט אריין פון דרוק) ארונטערגעריסען! זיכער, דער דאָקטאָר דענקט דאָך ניט פון ארונטעררייסען די בעדער!

ה א ו ו ס ט א ד. הויבט זיך גאָר ניט אָן. שרעקט זיך ניט.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. ניין. מיר האָבען גערעדט פון עפּעס גאנץ אנדערעס. נו, וואָס דענקט איהר פון מיין ארטיקעל, הערר רעדאקטאָר?

ה א ו ו ס ט א ד. איך דענק, אז עס איז איינפאך א מייסטער־ווערק.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאָ, איז עס ניט? דאָס, זעהט איהר, טהוט מיר הנאה.

ה א ו ו ס ט א ד. ער איז אזוי קלאָר און אַזוי צום פּונקט. איינער דארף גאָר ניט זיין קיין ספּעציאַליסט אום צו פערשטעהן אייערע ארגומענטען. איך בין זיכער, דאָס יעדער אינטעלליגענטער מאַן וועט זיין אויף אייער זייט.

אַ ס ל א ק ס ע ן. און לאָמיר אויך האָפען, אַללע פערנינפ־טיגע.

ב י ל ל י נ ג. אַלע, די קלוגע און די ניט־קלוגע, די גאַנצע שטאָדט, גאָט זאָל מיר —

אַ ס ל א ק ס ע ן. נו, אויב אזוי, קענען מיר עס ריזיקירען און דרוקען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך זאָל עס מיינען, אז איהר קענט.

ה א ו ו ס ט א ד. דאָס געהט אריין אין דער מאָרגעדיגער צייטונג.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאָ, דער קלאָג זאָל עס כאַפּען, ניט איין טאָג טאָר פערלאָרען געהן. זעהט נור, אַסלאַקסען, אָט צו וואָס איך האָב אייך בעדארפט. איהר פערזענליך, נעהמט דיזען מאַנוסקריפּט.

אַ ס ל א ק ס ע ן. געוויס וועל איך.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. זייט דערמיט אזוי פּאָרזיכטיג, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען גאָלד. קיין דרוקפעהלער. יעדער וואָרט איז וויכטיג. איך וועל דאָ באַלד ווידער אריינקומען, אום צו מאַכען אַ קליינע קאָרעקטור. אָה, איך קען ניט ערקלערען אייך, ווי איך חלש צו זעהען דעם ארטיקעל געדרוקט, צו שליידערען איהם—

ב י ל ל י נ ג. יאָ, צו שליידערען עס ווי אַ דונער־שלאַג, גאָט זאָל —

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און צו אונטערוואַרפען עס צו דעם אורטהייל פון יעדען אינטעלליגענטען בירגער. אה! איהר האָט גאָר קיין אידעע ניט, וואָס איך מוז היינט איבערטראָגען. איך בין געסטראַשעט געוואָרען מיט אַללע סאָרטען זאַכען! עס האָט געהאַל־

טען שוין דערביי, אז מי האָט מיר געוואָלט בערויבען פון מיינע אייגענע רעכטע, אלס א מענש.

ב י ל ל י נ ג. וואָס, פון אייערע רעכטע? !

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. מי האָט פערלאַנגט, אז איך זאָל מיר ערנידריגען, אז איך זאָל זיין א פייגלינג, אז איך זאָל מיין פערזענליכען נוצען האַלטען פאר וויכטיגער, ווי מיינע טיפסטע, הייליגסטע איבערצייגונגען —

ב י ל ל י נ ג. גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען, דאָס איז שוין ווירקליך צו געמיין.

ה א ו ו ס ט א ד. נו, וואָס האָט מען אנדערש געקאָנט ערווארטען פון יענער חברה?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָבער זיי וועלען קריגען זייער גאָב. פון איצט אָן וועל איך יעדען טאָג פיהרען א קאַמפף מיט זיי דורך דעם „פאָלקסבאָטע". איך וועל זיי באָמבאַרדירען מיט איין ארטיקעל נאָך א צווייטען —

א ס ל א ק ס ע ן. יא, אָבער טהוט נור א קוק —

ב י ל ל י נ ג. הורראה, הורראה, א מלחמה!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. איך וועל ווארפען זיי צו דער ערד. איך וועל זיי פערניכטען. איך וועל צושמעטערען אַלע זייערע פאַרצאמונגען און מאַכען זיי גלייך מיט דער ערד פאר די אויגען פון אַללע רעכטדענקענדע מענשען. איך וועל טהון —

א ס ל א ק ס ע ן. אָבער ווי עס איז, בעשיידענהייט, דאָקטאָר! דאָס מוז מען.

ב י ל ל י נ ג. אָבער גאָר ניט! זשאַלעוועט ניט קיין דינאַמיט, דאָקטאָר!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (ריידענדיג דאָס זייניגע) ווייל, געדענקט, פון היינט אָן איז דאָס שוין מעהר קיין פראַגע פון א וואַסער־לייטונג אָדער קאַנאַל. ניין, עס איז די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס מוז געררייניגט און דיזינפעקטעט ווערען —

ב י ל ל י נ ג. אָט דאָס איז ווערטער, ווערטער פון רעטונג, גאָט זאָל —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. פון די אַלע אַלטע פושערס מוז מען פּטור ווערען, פארשטעהט איהר! און דאָס טאַקי אין יעדען דע־פּאַרטמענט! אזעלכע אונענדליכע האַריזאָנטען האָבען זיך היינט גע־עפענט פאר מיר. עס איז גאָר ניט געווען קלאָר פאר מיר אַלעס ביז איצט. אָבער איצט וועט שוין אַלעס רעכט זיין. דאָס איז די יונגע, די קרעפטיגע באננער־טרעגער, וואָס מיר מוזען זוכען, מיינע פריינד. מיר מוזען האָבען נייע קאַפּיטאַנען פאר די אַלע שטעלען.

ב י ל י נ ג. ריכטיג, ריכטיג, גאָט זאָל —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. און אויב מיר זאָלען נור אַלע צוזאַ־מען האַלטען, וועט אַלעס געהן ווי אויף רעדלאַך. די גאַנצע רע־וואָלוציאָן וועט נור זיין, ווי דער אַוועקשיקען פון א שיף אויפ׳ן וואַ־סער. דענקט איהר ניט אזוי?

ה א ו ו ס ט א ד. וואָס מיר אנבעלאַנגט, גלויב איך, אז מיר האָבען איצט די בעסטע אויסזיכט אריינצוגעבען אונזערע שטאָדט־אנגעלעגנהייטען אין די הענד פון מענשען, צו וועמען זיי געהערען אויך מיט רעכט.

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. און ווען מיר זאָלען נור אָנגעהן געלאַסען, דענק איך ווירקליך ניט, אז דאָ קען זיין עפּעס א געפאהר.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. וואָס, צום טייפעל, אַרט עס מיר, אויב עס איז דאָ א געפאהר אָדער ניט? וואָס איך טהו, טהו איך אין דעם נאָמען פון וואהרהייט און פאר מיין געוויסען.

ה א ו ו ס ט א ד. איהר זיינט א מאַן, וואָס פאַרדינט אונ־טערשטיצט צו ווערען, דאָקטאָר.

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. יאַ, דאָס איז זיכער. דער דאָקטאָר איז אַן אמת׳ער פריינד פון שטאָדט. ער איז א ריכטיגער פריינד פון דער געזעלשאַפט.

ב י ל י נ ג. גאָט זאָל מיר אזוי העלפען. דר. שטאָקמאַן איז א פריינד פון פאָלק, אַסלאַקסען.

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. איך דענק, אז דער הויזאייגענטהימער־פערבאַנד וועט באַלד אָננעהמען דיזען אויסדרוק.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (דריקענדיג זיי די הענד, טיף גערירט.)

איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך, מיינע טהייערע, טרייע פריינד. עס איז מיין גרעסטער פערגניגען אייך צו הערען. מיין שיינער ברו־דער האָט מיר נור־וואָס גערופען גאַנץ עטוואָס אנדערעס. איך וועל איהם אבער בעצאָהלען מיט פּראָצענט! אבער איך מוז איצט אוועק־געהן, אום צו זעהן אַ'ן אָרימען טייפעל. איך וועל נאָך היינט וויעדער אריינבליקען, ווי איך האָב געזאָגט. זעהט נור, הערר אַסלאַקסען, און פּאַסט אויף אויף מיין ארטיקעל און פאר קיין פאל לאָזט ניט אוים קיין איינציגען פון די אויסגעשריי־צייכענס. אַם בעסטען, שטעלט אַליין צו נאָך עטליכע. נו, דערוויייל זייט מיר געזונד. (זיי דריקען זיך די הענד און דער דאָקטאָר פערלאָזט דאָס צימער.)

ה א ו ו ס ט א ד. ער איז אַן אמת'ער אוצר פאר אונז.

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. יא, אזוי לאַנג, ווי ער בלייבט בלויז ביי די בעדער. אָבער, אויב ער געהט ווייטער, וועט עס ניט זיין ראטה־זאם צו געהן מיט איהם.

ה א ו ו ס ט א ד. הם! נו, דאָס הענגט אָב —

ב י ל ל י נ ג. איהר זייט איממער אזוי פערדאמט שרעקעדיג, אַסלאַקסען.

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. שרעקעדיג? יא, ווען עס איז א פראגע פון אַטאַקירען די לאָקאַלע רעגירונג, בין איך ווירקליך שרעקעדיג, הערר בילליננ. דאָס, ערלויבט מיר אייך צו זאָגען, האָב איך געלערנט אין דער שול פון ערפאהרונג. אָבער נעהמט זיך נור צו העכערע פּאָליטיק, אַטאַקירט די רעגיערונג אַלליין, און איהר וועט זעהען, אויב איך וועל זיך שרעקען.

ב י ל ל י נ ג. אָה, ניין. אָבער דאָ גערעדע ווידערשפּרעכט איהר זיך, גאָט זאָל —

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. דער אמת איז, איך בין א געוויסענהאַפ־טער מענש. ווען איהר אַטאַקירט די רעגיערונגען, טהוט איהר ווע־ניגסטענס דער געזעלשאַפט קיין שאדען ניט, ווייל די מענער, ווע־מען איהר אַטאַקירט, ארט עס ווי די קאַץ. זיי בלייבען, וואו זיי זיינען. אָבער לאָקאַלע אויטאָריטעטען קענען ארויסגעוואָרפען ווערען, און אזוי קומען צום פּראָנט א מאַססע פון מענשען, וואָס

ווייסען גאָר ניט, און מאַכען אָן צרות צו די אייגענטהימער און אַנדערע.

ה א ו ו ס ט א ד. אָבער די ערציהונג פון די בירגער דורך זעלבסט־רעגיערונג — וואָס דענקט איהר פון דעם?

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. ווען אַ מענש האָט עטוואָס, אויף וואָס ער דאַרף אויפּפּאַסען, קען ער ניט דענקען פון יעדע זאַך, הערר האַוסטאַד.

ה א ו ו ס ט א ד. אויב אַזוי, ווינש איך מיר, אז איך זאָל קיינמאָל ניט האָבען עפּעס, אויף וואָס אויפצופּאַסען.

ב י ל ל י נ ג. ריכטיג! ריכטיג!

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. (שמייכלענדיג) הם! (אָנצייגענדיג אויף'ן שרייבטיש) גובערנאַטאָר סטענסגאַרד איז געזעסען אין דיזען שטוהל פאַר אייך.

ב י ל ל י נ ג. (אויסשפּייענדיג) פוי, אַזאַ פעררעטהער!

ה א ו ו ס ט א ד. איך בין ניט קיין וועטער־פעהנדעל און וועל עס קיינמאָל ניט זיין.

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. אַ פּאָליטיקער טאָר קיין זאַך ניט זאָגען אויף זיכער, הערר האַוסטאַד. און וואָס אייך אָנבעלאַנגט, הערר־ביללינג, איהר מעגט געוויס ניט ריידען אַזוי הויך. האָב איך דאָך געהערט, אז איהר האָט פּערוואָרפען אייער נעץ, אום צו קריגען די שטעללע פון אַ געריכט־סעקרעטאַר.

ב י ל ל י נ ג. איך! —

ה אָ ו ו ס ט אַ ד. ווירקליך, בילינג?

ב י ל ל י נ ג. נו, יאָ, אָבער דער טייפעל זאָל עס האָלען, איהר ווייסט דאָך, אז איך טהו עס נור, אום צו ערגערען יענע לומפּען.

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. נו, דאָס געהט מיר ניט אָן. אָבער, אויב מי רופט מיר פּייג און ניט־קאָנזעקווענט, וואָלט איך געוואָלט אָט וואָס זאָגען: דעם דרוקער אַסלאַקסענס פערגאַנגענהייט איז אָפּען פאַר יעדען. איך האָב מיר גאָר ניט געענדערט, אויסער, וואָס איך בין אַ ביסעל געלאַסענער. מיין האַרץ געהערט נאָך אימער צום

פאָלק. אָבער איך לייקען ניט, אז מיין שכל מאכט מיר גענייגט צו די רעגיערער אונזערע — וועניגסטענס צו אונזערע לאָקאלע אויטאָריטעטען. (ער געהט אַריין אין דרוקעריי.)

ב י ל ל י נ ג. דענקט איהר ניט, אז מיר האָבען בעדארפט פון איהם לויז ווערען?

ה א ו ו ס ט א ד. ווייסט איהר פון אַן אנדערען, וואָס זאָל אונז באָרגען געלד אויף פּאַפּיר און דרוק?

ב י ל ל י נ ג. עס איז אַ פאסקודנע געשיכטע ניט צו האָבען דעם נויטיגען קאַפּיטאַל.

ה א ו ו ס ט א ד. יא, ווען מיר וואָלטען דאָס נור געהאט —

ב י ל ל י נ ג. אפשר וואָלט איהר זיך געווענדעט צו דר. שטאָקמאַן?

ה א ו ו ס ט א ד. (מישענדיג אין זיינע פּאַפּירען) צו וואָס? ער איז אליין א קבצן.

ב י ל ל י נג. יא, אָבער ער האָט א גוטען מענשען הינטער איהם. זיין שווער, מאָרטען קיל.

ה א ו ו ס ט א ד. (שרייבענדיג) זיינט איהר זיכער, אז יענער האָט?

ב י ל ל י נ ג. יא, גאָט זאָל מיר אזוי העלפען, איך וויים עס פאר זיכער. און א טהייל פון דעם וועט זיכער געהן צו שטאָקמאַנס פאַמיליע. ער וועט זיי פערזאָרגען, יעדענפאלס די קינדער.

ה אָ ו ו ס ט א ד. (האַלב אומדרייענדיג זיך) רעכענט איהר אויף ד ע ם?

ב י ל ל י נ ג. רעכענען? איך רעכען גאָר ניט.

ה א ו ו ס ט א ד. אין דעם זיינט איהר גערעכט און איהר זאָלט אויך ניט רעכענען אויף די שטעללע פון א סעקרעטאַר. איך קען אייך פערזיכערען, אז איהר וועט עס ניט קריגען.

ב י ל ל י נ ג. מיינט איהר, אז איך וויים עס ניט אזוי גוט, ווי איהר? און אין דער אמת'ן בין איך גאָר צופריעדען, וואָס איך וועל עס ניט קריגען. אזא אבשטוים פייערט אויף איינעמס מוטה — גיט איינעם א פרישען קוואַל פון גאַל, און איינער דארף עס האָ־

בען אין אזא גאָט־פערדאמטען פלאץ, ווי דיזער, וואו אירגענד וועל־
כע אויפרעגונג איז אזוי זעלטען.

ה א ו ו ס ט א ד. (שרייבענדיג) **יא, יא.**

ב י ל ל י נ ג. נו, זיי וועלען באלד הערען פון מיר. איצט געה
איך שרייבען אַן אויפרוף צו דעם אייגענטהימער־פערבאנד. (ער
געהט אריין אין זיין צימער.)

ה א ו ו ס ט א ד. (זיצענדיג ביים טיש, בייסענדיג זיין פעדער,
זאָגט לאנגזאם) יא, דאָס וועט זיין פונקט גוט. (אַ קלאַפּ אין טיר)
אריין! (פעטרא קומט אריין. האַווסטאד שטעלט זיך אויף צו געהן
איהר ענטקעגען) וואָס, איהר זייט עס? און דאָ?

פ ע ט ר א. יא, ביטטע, ענטשולדיגט מיר —

ה א ו ו ס ט א ד. (איהר אָנבאָטענדיג א שטוהל) ווילט איהר
זיך ניט אַוועקזעצען?

פ ע ט ר א. ניין. איך דאנק אייך. איך מוז באלד אַוועק־
געהן.

ה א ו ו ס ט א ד. איך רעכען, אז עס איז עטוואָס פאר אייער
פאָטער —

פ ע ט ר א. ניין, איך בין געקומען צוליעב מיר אליין. (נעהמט
ארויס אַ בוך פון איהר מאַנטעל־קעשענע) אָט איז די ענגלישע גע־
שיכטע.

ה א ו ו ס ט א ד. ווארום האָט איהר עס צוריקגעבראכט?

פ ע ט ר א. איך וויל עס ניט איבערזעצען.

ה א ו ו ס ט א ד. אָבער איהר האָט דאָך מיר אזוי פער־
שפּראָכען —

פ ע ט ר א. אָבער דאן האָב איך עס נאָך ניט איבערגעלייענט.
און קיין צווייפעל, איהר האָט עס אויך ניט געלייענט.

ה א ו ו ס ט ע ד. ניין. איהר ווייסט דאָך, איך פערשטעה
ניט קיין ענגליש, אָבער —

פ ע ט ר א. ריכטיג. און דארום האָב איך אייך טאַקי גע־
וואָלט זאָגען, אַז איהר מוזט געפינען וואָס אנדערעס. (אַוועקלעגענדיג

דעם בוך אויפ׳ן טיש) דאָס קען ניט געדרוקט ווערען אין „פאָלקס־באָטע“.

האוּוּסטאד. ווארום ניט?

פּעטרא. ווייל דאָס איז אין דירעקטען ווידערשפּרוך מיט אייערע אייגענע מיינונגען.

האוּוּסטאד. נו, אָבער צוליעב אונזער זאך —

פּעטרא. איהר פערשטעהט מיך נאָך ניט. דאָ ווערט דער־צעהלט וועגען אַן איבערנאַטירליכע קראַפט, וועלכע פּאַסט אויף אויף די זאָגענאַנטע גוטע מענשען אויף דער ערד, און מאַכט, אַז אללעס אם ענדע זאָל זיין צו זייער נוצען, און די אללע שלעכטע מענשען ווערען בעשטראָפט.

האוּוּסטאד. יא, אָבער דאָס איז דאָך געראַדע שיין. דאָס איז געראדע, וואָס דער עולם האָט ליעב.

פּעטרא. און וואָלט איהר געשטאָפּט דעם עולם מיט אזא שטאָף? וואָס רעדט איהר, איהר גלויבט דאָך אליין ניט א וואָרט פון דעם אללעם. איהר ווייסט גאַנץ גוט, אז זאכען פּאַסירען ניט אויף אזא שטייגער.

האוּוּסטאד. אין דעם זיינט איהר גערעכט. אָבער א רע־דאַקטאָר קען ניט איממער טהאָן, ווי ער וויל. ער מוז אָפט נאָכגע־בען דער עפענטליכער מיינונג אין קלייניגקייטען. נאָך אלעמען, איז דאָך די הויפּט־זאך אין לעבען, פּאָליטיק — יעדענפאלס פאר א צייטונג, און אויב איך וויל, אז די מענשען זאָלען מיר נאָכפאָל־גען אויף דעם וועג פון פּראָגרעס און פרייהייט, מוז איך זיי ניט אָב־שרעקען. אויב זיי געפינען אזא מאָראלישע ערציילונג אין דעם ראָמאַן, קענען זיי בעסער פארדייען דאָס, וואָס זיי לעזען אין דעם לייט־ארטיקעל. זיי פיהלען זיך זיכערער.

פּעטרא. שאַנדע! איהר זאָלט זיין אזא היפּאָקריט, און וועבען אזא נעץ, אום צו פערנארען די לעזער. איהר זייט דאָך ניט קיין שפּין.

האוּוּסטאד. איך דאנק אייך פאר אייער גוטע מיינונג

װעגען מיר. ניין, דאָס איז בילינגס אידעע, ניט מיינע.

פּעטרא. בילינגס?

האוסטאד. יא, װעגניסטענס האָט ער אנוסטען אזוי גערעדט. עס איז געװעזן בילינג, װעלכער האָט עס אזוי געװאָלט האָבען דיזען ראָמאן געדרוקט אין דער צייטונג. איך קען גאָר ניט דעם בוך.

פּעטרא. אָבער װי איז עס מעגליך? בילינג מיט זיינע ראדיקאלע מיינונגען —

האוסטאד. נו, בילינג איז אַ פיעל־זייטיגער מענש. ער איז איצט אַ קאנדידאט אויף אַ געריכטס־סעקרעטאר.

פּעטרא. איך גלויב עס ניט, הערר האװסטאד. װי קען ער אזוי זינקען?

האוסטאד. דאָס מוזט איהר איהם אליין פרעגען.

פּעטרא. איך װאָלט זיך עס קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט פון בילינג.

האוסטאד. (קוקענדיג אויף איהר אויפמערקזאַם) ניין? קומט עס צו אייך, אלס אַן איבערראשונג?

פּעטרא. יא, און דאָך — אפשר ניט? אָה! איך װייס אליין ניט.

האוסטאד. מיר, זשורנאליסטען, זיינען ניט װערטה זעהר פיעל, פריילין פּעטרא.

פּעטרא. דענקט איהר װירקליך אזוי?

האוסטאד. איך דענק אזוי מאַנכעס מאָל.

פּעטרא. יא, אין די קליינע טאָג־טעגליכע אינטריגען — דאָס קען מען פערשטעהן. אָבער איצט האָט איהר דאָך אויפגענומען אַ קאַמפּף פאר אַ גרויסע זאך —

האוסטאד. איהר מיינט אודאי, אייער פאָטער'ס אנ־געלעגענהייט.

פּעטרא. ריכטיג. איז אָט איצט, דענק איך, מוזט איהר זיך פיהלען אַ ביסעל מעהר װירדיג, װי די געװעהנליכע סטאַדע.

האוסטאד. יא, היינט פיהל איך אַ ביסעל אזוי.

פ ע ט ר א. יא, פיהלט איהר עס ניט? אה, א גרויסארטיגע קאַריערע האָט איהר פאר זיך אויסגעקליבען: צו מאכען ריין דעם וועג פאר די פעראכטעטע וואהרהייט און פאר נייע אידעען; צו שטעהן אונערשראָקען אויף דער זייט פון דעם געקריוודעטען און פערפאָלגטען.

ה א ו ו ס ט א ד. בעזאָנדערס, ווען דיזער פערפאָלגטער מענש איז — הם! — איך ווייס קוים, ווי דאָס צו זאָגען.

פ ע ט ר א. איהר מיינט צו זאָגען, ווען ער איז אזוי טריי און עהרליך.

ה א ו ו ס ט א ד. (אין א נידריגע שטיממע) איך מיין, ווען ער איז אייער פאָטער.

פ ע ט ר א. (אזוי ווי זי וואָלט געקראָגען אַ קלאַפּ) ד אָ ס?

ה א ו ו ס ט א ד. יא, פעטרא — פריילין פעטרא!

פ ע ט ר א. אלזאָ, דאָס איז עס, פון וואָס איהר דענקט צוערשט? ניט די זאך אליין? ניט די וואהרהייט? ניט מיין פאָטער'ס גרויסע ווארימע הארץ?

ה א ו ו ס ט א ד. נאַטירליך, דאָס אויך.

פ ע ט ר א. ניין, איך דאנק אייך. איהר האָט נור וואָס ארויסגעלאָזען די קאַץ פון זאק, הערר האווסטאד. און איצט וועל איך אייך שוין קיינמאָל מעהר ניט טרויען אין קיין זאך.

ה א ו ו ס ט א ד. קענט איהר מיר מאכען אַ פאָרוואורף דערפאר, וואָס איך טהו אלץ הויפטזעכליך צוליעב אייך?

פ ע ט ר א. וואָס מאכט מיר בייז אויף אייך איז דאָס, וואָס איהר זיינט ניט געווען עהרליך צו מיין פאָטער. איהם האָט איהר געזאָגט, אז אייך אַרט נור פאר די וואהרהייט און פאר דעם גליק פון דער געמיינדע. איהר האָט גענאַרט ביידען, דעם פאָטער און מיר. איהר זיינט ניט דער מענש, וואָס איהר מאכט דעם אָנשטעל צו זיין. און איך וועל אייך קיין מאָל ניט פארגעבען, קיין מאָל ניט!

ה א ו ו ס ט א ד. איהר זאָלט עס ניט זאָגען אזוי הארט, פריילין פעטרא — ניט איצט.

פ ע ט ר א. ווארום ניט איצט?

הא ו ו ס ט א ד. ווייל אייער פאָטער קען ניט אויסקומען אָהן מיין הילף.

פ ע ט ר א. (קוקענדיג אויף איהם מיט אַ פאָרוואורף) אָט אזעלכער זיינט איהר! אה, שאַנדע!

הא ו ו ס ט א ד. ניין, ניין. איך האָב גערעדט, אליין ניט וויסענדיג וואָס. איהר דארפט עס ניט גלויבען.

פ ע ט ר א. איך וויים אליין, וואָס איך האָב צו גלויבען. אדיע. (אַסלאַקסען קומט אַריין פון דער דרוקעריי, איילענדיג זיך און געהיימניספאָל.)

א ס ל א ק ס ע ן. דער קלאַנג זאָל עס נעהמען, הערר האווסטאַד. (ער דערזעהט פעטרא'ן) דאָס איז זעהר אונאַנגענעהם.

פ ע ט ר א. נו, אָט איז דער בוך. איהר מוזט עס געבען צו אימיצען אנדערש. (זי געהט צו צום טיר.)

הא ו ו ס ט א ד. (איהר נאָכגעהענדיג.) אבער פריילין פעטרא.

פ ע ט ר א. אדיע. (זי געהט אַרויס.)

א ס ל א ק ס ע ן. הערט נור, הערר האווסטאַד.

הא ו ו ס ט א ד. נו, וואָס איז דאָרט?

א ס ל א ק ס ע ן. דער בירגערמייסטער איז דאָרט; אין דער דרוקעריי.

הא ו ו ס ט א ד. דער בירגערמייסטער?

א ס ל א ק ס ע ן. יא, ער וויל ריידען מיט אייך. ער איז אריין דורך די הינטער־טיר — ער האָט ניט געוואָלט, אַז מי זאָל איהם זעהען.

הא ו ו ס ט א ד. וואָס מיינט עס? געהט ניט. איך וויל אליין — (ער געהט צו דער דרוקעריי, עפענט די טיר, און פערנייגט זיך פאַר'ן בירגערמייסטער.) פאַסט אויף אסלאַקסען, אַז —

א ס ל א ק ס ע ן. איך פערשטעה. (ער געהט אַריין אין די דרוקעריי.)

ב י ר ג ע ר מ יי ס ט ע ר. איהר האָט ניט ערוואַרטעט צו זעהען מיר דאָ, הערר האווסטאַד.

האוּוֹסטאַד. ניין, איך קען ניט זאָגען, אַז איך האָב אייך ערוואַרט.

בירגערמייסטער. (אַרומקוקענדיג זיך) אָה, איהר האָט דאָ גאַנץ בעקוועם, א פערגניגען!

האוּוֹסטאַד. און גאָר ניט לאַזענדיג אייך צו וויסען אויף פריהער, בין איך געקומען פערנעהמען אייער צייט.

האוּוֹסטאַד. איהר זיינט ווילקאָמען. איך בין גאַנץ אין אייער דיענסט. ערלויבט מיר צו נעהמען אייער היטעל און שטעקען. (ער טהוט אַזוי און לעגט זיי אַוועק אויף אַ שטוהל.) און וועט איהר זיך ניט אַוועקזעצען?

בירגערמייסטער. (אַוועקזעצענדיג זיך בּיים טיש.) איך דאַנק. (אויך האוּוֹסטאַד זעצט זיך אַוועק.) איך האָב היינט געהאַט זעהר פיעל פערדרוס, הערר האוּוֹסטאַד.

האוּוֹסטאַד. ווירקליך? אה, יא, מיט אַלע אייערע פער־שיעדענע פליכטען—

בירגערמייסטער. היינט האָט מיך געערגערט דער דאָקטאָר.

האוּוֹסטאַד. וואָס רעדט איהר? דער דאָקטאָר?

בירגערמייסטער. ער האָט געשריעבען עפּעס א׳ז ערקלערונג צו די דירעקטאָרען איבער געוויסע פעהלערן אין די בעדער.

האוּוֹסטאַד. נו, האָט ער עס ווירקליך?

בירגערמייסטער. יא, האָט ער עס אייך ניט געזאָגט? איך דענק, אַז ער האָט געזאָגט—

האוּוֹסטאַד. אָה, יא, ער האָט מיר עפּעס געזאָגט וועגען דעם.

אסלאקסען. (שרייענדיג פון דרוק) וואו איז דאָרט דער מאַנוסקריפּט.

האוּוֹסטאַד. (אין אַ טאָן פון ערגערניש.) הם! אָט איז ער אויפ׳ן טיש.

אסלאקסען. (געפינענדיג) גוט.

בירגערמייסטער. אָה, דאָס איז עס דאָך.

אסלאקסען. יא, דאָס איז דעם דאָקטאָרס ארטיקעל, בירגערמייסטער.

האווסטאד. אָט וועגען דעם האָט איהר עס צו מיר גערעדט?

בירגערמייסטער. אָט וועגען דעם טאקי. וואָס דענקט איהר פון דעם?

האווסטאד. איך בין ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער מענש, און איך האָב נור אַ בליק געטהאן אויף דעם.

בירגערמייסטער. און דאָך געהט איהר עס דרוקען?

האווסטאד. איך קען דאָך ניט ענטזאגען אזא גרויסען מאַן —

אסלאקסען. איך האָב גאָר ניט צו טהון מיט דער רעדיזשירונג פון דער צייטונג, העדר בירגערמייסטער.

בירגערמייסטער. נאַטירליך ניט.

אסלאקסען. איך דרוק נור דאָס, וואָס קומט מיר אין די הענד.

בירגערמייסטער. דאָס איז טאקי, ווי עס געהערט צו זיין.

אסלאקסען. אלזאָ מוז איך (וויל אַריינגעהן צוריק אין דרוק.)

בירגערמייסטער. ניין, בלייבט דאָ אַ ווייל, העדר אסלאקסען. מיט אייער ערלויבניס, העדר האווסטאד.

האווסטאד. געוויס, בירגערמייסטער.

בירגערמייסטער. איהר זיינט אַ געלאַסענער און בערעכענטער מענש, העדר אַסלאַקסען.

אסלאקסען. איך בין גליקליך דאָס צו הערען פון אייך.

בירגערמייסטער. און אַ מענש מיט בעדייטענדען איינפלוס.

אסלאקסען. מייסטענס צווישען די קליינע מיטעל־קלאַס מענשען.

בירגערמייסטער. די קלענערע טאקס־צאָהלער זיינען די רייכסטע אין צאָהל — דאָ, ווי איבעראל.

אסלאקסען. דאָס איז שוין גאנץ ריכטיג.

בירגערמייסטער. און איך צווייפעל ניט, אז איהר ווייסט, ווי זיי אלע פיהלען. ניט אפשר?

אסלאקסען. יא, איך דענק, אז איך מעג זאָגען, אז איך וויים, בירגערמייסטער.

בירגערמייסטער. נו, אויב צווישען די וועניגער רייכע בירגער איז דאָ אזא גייסט פון זעלבסט אָפּפערונג, דאַן נאטירליך.

אסלאקסען. וואָס מיינט איהר?

האווסטאד. זעלבסט־אויפאָפּפערונג?

בירגערמייסטער. עס איז אַ'ן אויסגעצייכענטער סימן פון דעם גייסט פון פאָלק. איך האָב שיער, שיער געזאָגט, אז איך האָב עס ניט ערוואַרטעט. אבער, נאטירליך, מסתמא ווייסט איהר דאָך דאָס אלגעמיינע פיהלען בעסער, ווי איך!

אסלאקסען. יא, בירגערמייסטער, אבער —

בירגערמייסטער. עס איז נישט קיין קליינער אָפּפער, וואָס די שטאָדט געהט מאכען.

האווסטאד. די שטאדט?

אסלאקסען. אבער איך פערשטעה ניט. איז עס וועגען די בעדער —

בירגערמייסטער. לויט אַ'ן אויבערפלעכליכע אב־שאַצונג וועלען די ענדערונגען, וואָס דער דאָקטאָר האלט פאר נויטיג, בעטרעפען עטליכע הונדערט טויזענד קראָנען.

אסלאקסען. דאָס איז א גרויסע סומע, אבער —

בירגערמייסטער. געוויס וועלען מיר מוזען מאכען אַ שטאדט־אנלייהע.

האווסטאד. (זיך אויפהויבענדיג.) איהר מיינט ניט צו זאָגען, דאָס די שטאדט —

אסלאקסען. אז דאָס וועט מוזען אויסגעצאָהלט ווערען

פון די טעקסטעס, פון די מאָגערע קעשענעס פון די קליינע מיטעלקלאַס מענשען?

בירגערמייסטער. יא, מיין טהייערער הערר אסלאקסען, פון וואנען דען זאָל קומען דאָס געלד?

אסלאקסען. דאָס איז, דאכט זיך, די זאַך פון די אקציאָנערען, וואָס זיינען די אייגענטהימער פון די בעדער.

בירגערמייסטער. די אקציאָנערען זיינען ניט אימשטאַנד צו מאַכען מעהר אויסגאַבען.

אסלאקסען. זיינט איהר עס גאַנץ זיכער, בירגערמייסטער?

בירגערמייסטער. איך האָב זיך דאָס דערוואוסט שוין אויף זיכער. און אויב דיזע ענדערונגען זאָלען פאָרגענומען ווערען, וועט עס זיין אויף דעם חשבון פון שטאָדט.

אסלאקסען. אָה! פערדאמט מעג עס אַלעס ווערען. ענטשולדיגט. אבער דאָס איז דאָך א גאַנץ אנדערע זאַך, הערר האווסטאד.

האווסטאד. יא, געוויס איז עס.

בירגערמייסטער. און דאָס ערגסטע איז, דאָס מיר וועלען מוזען צושליסען אונזערע בעדער פאַר וועלכע צוויי יאהר.

האווסטאד. צומאַכען זיי? צומאַכען זיי גענצליך?

אסלאקסען. פאַר גאַנצע צוויי יאהר!

בירגערמייסטער. יא, די ארבייט וועט נעהמען ווענינסטענס צוויי יאהר.

אסלאקסען. אבער, פערדאמט, מיר קענען דאָס ניט אויסהאַלטען, בירגערמייסטער. פון וואָס וועלען מיר, אָרימע לייט, לעבען דערווייל?

בירגערמייסטער. אונגליקליכערווייזע איז דאָס זעהר שווער צו זאָגען, הערר אסלאקסען. אבער וואָס ווילט איהר זאָלען מיר טהון? דענקט איהר, אז אימיצער וועט קומען אהער זיך היילען, אז מיר וועלען ארומגעהן איינרעדען דער וועלט, אז אונזער

וואַסער איז פערגיפטעט, און דאָס מיר לעבען אויף אַ פערפעסטעטען גרונד, און דאָס די גאַנצע שטאָדט —

אַסלאַקסען. און דאָס אַלעס איז נור אַ פאַנטאַזיע?

בירגערמייסטער. מיט מיין בעסטען ווילען האָב איך זיך ניט געקאָנט איבערצייגען, אַז דאָס איז עפּעס אַנדערש.

אַסלאַקסען. אבער, אויב אַזוי, איז עס דאָך גאַנץ אונפערצייהליך פון דאָקטאָר שטאָקמאַן — איך בעט אייך אום ענטשולדיגונג, בירגערמייסטער — אבער —

בירגערמייסטער. אונגליקליכערווייזע זאָגט איהר די וואַהרהייט, הערר אַסלאַקסען. אונגליקליכערווייזע איז מיין ברודער אימער איין איינגעשפּאַרטער מענש.

אַסלאַקסען. און דאָך ווילט איהר, הערר האָוסטאַד, העלפען איהם אין אַזאַ זאַך?

האָוסטאַד. אבער ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלען דאָס—

בירגערמייסטער. איך האָב דאָ פערצייכענט אַ קורצע ערקלערונג פון די פאַקטען, ווי זיי זעהען אויס פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם ניכטערנעם פערשטאַנד. און דאָרט האָב איך בעמערקט, אַז געוויסע פעהלער קענען אָבגעשאַפט ווערען דורך ענדערונגען, וועלכע אונזערע געלד־מיטלען וועלען עס אונז ערלויבען.

האָוסטאַד. האָט איהר דאָס מיט זיך, בירגערמייסטער?

בירגערמייסטער. (זוכענדיג אין קעשענע) יאַ, איך האָב עס געבראַכט מיט מיר, אין פאַל איהר —

אַסלאַקסען. (שנעל.) פערדאַמט! אָט איז ער!

בירגערמייסטער. ווער? מיין ברודער?

האָוסטאַד. וואו? וואו?

אַסלאַקסען. ער קומט דורך די דרוקעריי.

בירגערמייסטער. ווי ניט אַנגענעהם. איך וואָלט ניט געוואָלט זיך בעגעגענען דאָ מיט איהם, און דאָך איז נאָך דאָ איינינגע זאַכען, וועגען וועלכע איך האָב בעדאַרפט מיט אייך רעדען.

האָוסטאַד. (אַנצייגענדיג אויף די טהיר לינקס.) געהט אַריין דאָרט פאַר אַ ווייל.

בירגערמייסטער. אבער —

האווסטאד. איהר וועט דאָרט געפינען בלויז בילליגגען.

אסלאקסען. שנעל, שנעל, בירגערמייסטער, ער קומט באלד.

בירגערמייסטער. גוט אלזאָ, אבער זעהט, ווערט פון איהם שנעל פּטור.

(ער געהט ארוים דורך די טהיר לינקס, וועלכע אסלאַקסען עפענט פאַר איהם, פערנייגענדיג זיך.)

האווסטאד. זעהט, מאכט א מינע, אז איהר זיינט זעהר בעשעפטיגט. (ער זעצט זיך אַוועק און שרייבט. אסלאַקסען דרעהט איבער אַ הורבע פּאַפּיערען.)

דר. שטאָקמאַן. אָט בין איך ווידער. (ער לעגט אוועק זיין הוט און שטעקען.)

האווסטאד. (שרייבענדיג) שוין פערטיג, דאָקטאָר? איילט זיך אונטער, אסלאקסען! מיר האָבען היינט ווייניג צייט צו פערלירען.

דר. שטאָקמאַן. (צו אַסלאַקסען) נאָך אַלץ ניט אויפגעזעצט מיין ארטיקעל?

אסלאקסען. (ניט אומדרעהענדיג זיך) ניין; ווי אזוי האָט איהר געקאָנט דענקען —

דר. שטאָקמאַן. געוויס ניט, אבער איהר פערשטעהט דאָך זיכער, ווי אונגעדולדיג איך בין. איך קען ניט רוהען, ביז איך וועל עס ניט זעהען געדרוקט.

האווסטאד. הם! עס וועט נאָך נעהמען אַ גוטע שטונדע. דענקט איהר ניט אזוי, אסלאקסען?

אסלאקסען. איך האָב כמעט מורא, אַז אזוי איז עס.

דר. שטאָקמאַן. גוט, גוט, מיינע טהייערע פריינד, וועל איך נאָך אַ מאָל קומען. עס אַרט מיר ניט, אז איך קום צוויי מאָל איבער אַזאַ זאַך. אזא גרויסע, ערהאַבענע זאַך — דאָס גליק פון דער גאַנצער שטאָדט. אויף מיין וואָרט, עס איז ניט די צייט ארומצוגעהן ליידיג. (ער וויל שוין געהן, אבער ער בלייבט און קומט צוריק.)

אָה, זעהט נור, עס איז דאָ נאָך עפּעס, וועגען וואָס איך האָב געוואָלט איבעררעדען.

האוּוסטאד. ענטשולדיגט. אפשר א׳ן אנדערס מאָל?

דר. שטאָקמאַן. איך קען עס זאָגען אין צוויי ווערטער. איהר זעהט, עס איז בלויז דאָס. ווען מענשען וועלען לייענען מיין ער־קלערונג מאָרגען, און וועלען זיך דערוויסען, אז איך האָב פערבראַכט א גאַנצען ווינטער, שטיל ארבייטענדיג, לטובה פון דער שטאָדט —

האוּוסטאד. יא, אבער דאָקטאָר —

דר. שטאָקמאַן. איך וויים, וואָס איהר וועט זאָגען. איהר דענקט ניט, אז דאָס איז געווען עטוואָס מעהר ווי מיין פליכט, מיין איינפאַכע פליכט, אלס בירגער. געוויס וויים איך עס אזוי גוט, ווי איהר. אבער איהר זעהט דאָך, מיינע מיטבירגער — גוטער גאָט, די גוטע וועזענס, זיי דענקען אזוי פיעל פון מיר —

אסלאקסען. יא, אייערע מיטבירגער האָבען געדענקט גוט וועגען אייך ביז היינט, דאָקטאָר.

דר. שטאָקמאַן. און דאָס איז עס געראדע, פאַר וואָס איך האָב מורא — דאָס איז עס, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען: ווען דאָס אלעס קומט צו זיי — בעזאָנדערס צו די אָרימערע קלאסען — אלס א צורוף צו נעהמען די אנגעלעגענהייטען פון שטאָדט אין זייערע הענד פאַר די צוקונפט.

האוּוסטאד. (זיך אויפהעבענדיג) הם. איך וועל פון אייך ניט פאַרבאַהאַלטען —

דר. שטאָקמאַן. אהא, איך האָב פערשטאַנען, אז דאָ קאָכט זיך עפּעס! אבער איך וויל ניט הערען דערפון. אויב זיי געהען עטוואָס פעראנשטאַלטען —

האוּוסטאד. . וויא אזוי?

דר. שטאָקמאַן. אָט א פּראָצעסיאָן מיט פלעגס, א באַנ־קעט, אָדער עפּעס א׳ן אנדערע זאַך, גיט מיר אייער ערנסטען פער־שפּרעכען, אז איהר וועט ניט דערלאָזען דערצו. און איהר אויך, הער אסלאקסען. איהר הערט!

האוּוסטאד. ענטשולדיגט מיר, דאָקטאָר. אבער עס איז

דאכט זיך גלייכער, מיר זאָלען אייך זאָגען די וואהרהייט פריהער, איידער שפּעטער.

(מרס. שטאָקמאַן קומט אַריין.)

מרס. שטאָקמאַן. (דערזועהענדיג דעם דאָקטאָר.) טאַקי פונקט ווי איך האָב געטראַכט.

האוסטאד. (צוגעהענדיג צו איהר) האללא! אייער ווייב אויך?

דר. שטאָקמאַן. וואָס, צום טייפעל, ביזטו געקומען, קאַטערינאַ?

מרס. שטאָקמאַן. איך דענק, אז דו האָסט בעדאַרפט וויסען גוט געגוג, צו וואָס.

האוסטאד. ווילט איהר זיך ניט זעצען, אָדער קען—?

מרס. שטאָקמאַן. איך דאַנק אייך, ביטע, מאַכט זיך קיין מיה איבער מיר. און איהר מוזט ניט זיין בייז אויף מיר, וואָס איך בין געקומען אהער אוועקצונעהמען פון דאַנען מיין מאַן, וויל איהר מוזט געדענקען, אז איך בין אַ מאַמע פון דריי קינדער.

דר. שטאָקמאַן. וואָס פאַר אַ'ן אונזין! מיר ווייסען דאָס אלעס זעהר גוט.

מרס. שטאָקמאַן. עס זעהט אבער ניט אויס, אז דו זאָלסט דענקען פיעל פון דיין ווייב און קינדער. אדער דו וואָלסט זיך אזוי ניט געאיילט זיך שטירצען אין אונגליק.

דר. שטאָקמאַן. ביזטו גאַנץ משוגע געוואָרען, קאַטערינאַ? טאָר ניט אַ מאַן, וואָס האָט אַ פרוי און קינדער, פּראָקלאַמירען די וואהרהייט, און טהון זיין בעסטעס צו זיין אַ ניצליכער בירגער, צו טהון זיין פליכט צו דער שטאַדט, אין וועלכער ער לעבט?

מרס. שטאָקמאַן. אלעס, אבער געלאַסען, אָטטאָ.

אסלאקסען. גאָר מיינע ווערטער. געלאַסענהייט און בעשיידענהייט אין אלעמען.

מרס. שטאָקמאַן. און איהר טהוט אונז אַ גרויסע רעה, הערר האוסטאד, ווען איהר פערפיהרט מיין מאַן פון זיין הויז און היים און פערדרעהט איהם דעם קאָפּ מיט די אלע זאַכען.

ד ר. שטאָקמאַן. קאַטערינאַ! מיינסטו, אז איך וועל זיך לאָזען פון אימיצען מאַכען צום נאַר?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאַ, דאָס טהוסטו. איך ווייס גאַנץ גוט, אז דו ביזט דער קליגסטער מאַן אין שטאָדט, אבער דו לאָזסט זיך אזוי לייכט איינרעדען, אָטטאָ. (צו האָווסטאַד.) און שטעלט אייך נור פאָר, ער וועט פערלירען זיין שטעלע, אויב איהר וועט דרוקען, וואָס ער האָט אָנגעשריעבען.

אסלאַקסען. וואָס!

האָווסטאַד. יאַ, אבער איהר ווייסט דאָך, דער דאָקטאָר—

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. חאַ! חאַ! זאָלען זיי נור פּרובירען. ניין, מיין טהייערע, זיי סמייען ניט! איך האָב די קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט הינטער מיר, פערשטעהסט?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. דאָס איז טאַקי דאָס אונגליק, דאָס דו האָסט אַזאַ מורא'דיגע זאַך הינטער זיך.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אונזין, קאַטערינאַ. דו געה אהיים, און פּאַס אויף אויף די הויז, און לאָז מיר זאָרגען פאַר די געזעל-שאַפט. ווי קענסטו מורא האָבען, ווען איך בין אזוי זיכער און גליקליך? (רייבענדיג זיינע הענד און שפּרייזענדיג הין און צוריק.) די וואהרהייט און דאָס פאָלק מוזען זיין די זיעגער. אָה, איך זעה די אונאבהענגיגע בירגער פערזאַמעלט אין א'ן ארמעע (בלייבענדיג פּלוצ-לינג שטיל.) אָה, וואָס איז דאָס, צום טייפעל?

אסלאַקסען. (קוקענדיג אויף איהם.) אָה, גאָט!

האָווסטאַד. הם!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דאָס איז דאָך טאַקי דער סאַמע שפּיץ פון אויטאָריטעט.

(ער נעהמט דעם בירגערמייסטערס אָפיציעלע קעפּ גאַנץ פאָרזיכטיג צווישען די שפּיצען פון זיינע פינגער און העבט זי אויף אין דער הויך.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. דעם בירגערמייסטערס היטעל!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און אָט איז אויך זיין שטעקען! אבער, ווי צום טייפעל, קומען זיי אהערצו—

האָווסטאַד. נו, אַלזאָ—

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אה! איך פערשטעה. ער איז דאָ געוועזען אייך איבערצוזעדען? חאַ! חאַ! ער האָט געבראכט זיינע חזירים אויף דעם ניט־ריכטיגען מארק! און ווען ער האָט דערזעהן מיך אין דער דרוקעריי (פלאַצט אויס מיט אַ געלעכטער) האָט ער געמאַכט פּים, הערר אסלאַקסען?

א ס ל א ק ס ע ן. (אין אייליגניש) ריכטיג. ער האָט געמאַכט פּים, דאָקטאָר.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אַנטלאָפען אָהן זיין קעפּ און שטעקען — דאָס קען ניט זיין. פּעטער וועט ניט לאָזען אין דער פרעמד זאכען, וואָס געהערען צו איהם. אבער וואָס, צום טייפעל, האָט איהר דאָ געמאַכט מיט איהם? אָה, דאָרט, נאַטירליך. נון, זאָלסטו עפּעס זעהען, קאַטערינאַ.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך בעט דיר —

א ס ל א ק ס ע ן. נעהמט זיך אין אכט, דאָקטאָר!

(דר. שטאָקמאַן האָט אָנגעטאָן דעם בירגערמייסטערס היטעל און גענומען אין האַנד זיין שטעקען. דאַן געהט ער צו, עפענט די טיר, און פערנייגט זיך אויפ'ן מיליטערישען שטייגער. דער בירגערמייסטער געהט אריין, רויט פון צאָרן. הינטער איהם קומט ביללינג.)

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. וואָס איז דער מיין פון דיזער פּאַיאַצסטוואָ?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. האָב רעספּעקט, מיין גוטער פּעטער. איצט בין איך די העכסטע אויטאָריטעט אין שטאדט. (ער שפּרייזט הין און צוריק.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (כמעט וויינענדיג) אָבער ווירקליך, אָטטאָ.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. (איהם נאָכגעהענדיג) גיב אהער מיין היטעל און דעם שטעקען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (מיט דעמזעלבען טאָן) אויב דו ביזט דער פּאָליצמייסטער, בין איך דער בירגערמייסטער. איך בין בעל הבית איבער דער גאנצער שטאדט, זאָג איך דיר!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אוועק לעג מיין היטעל, זאָג איך. געדענק, דאָס איז אַ היטעל פון אַ בעאַמטען!

ד ר. שטאָקמאַן. פש! דענקסטו, אז דאָס ערוואַכענדע פאָלק וועט זיך לאָזען אָבשרעקען פון א'ן אָפיציעלע היטעל? דו וועסט זעהען, מיר געהען האָבען א רעוואָלוציאָן אין שטאדט. דו האָסט געסטראַשעט מיר מיט דעם פערליערען פון מיין שטעלע, אָבער איצט וואַרף איך דיר אַרונטער. איך וואַרף דיר אַרונטער פון אַלע דיינע שטעלען און טשינען, דו מיינסט, אז איך קען עס ניט טהאָן? — אָה, יא, איך קען עס, איך האָב מיט מיר די אונבעצוויינג־באַרע קראַפט פון דער געזעלשאַפט. האווסטאד און ביללינג וועלען דונערן אין „פאָלקסבאָטע", און דער דרוקער אסלאַקסען וועט ארויסקו־מען אן דער שפּיצע פון דעם גאַנצען הויזאייגענטהימער פערבאַנד —

אסלאַקסען. דאָס וועל איך ניט, דאָקטאָר.

ד ר. שטאָקמאַן. זיכער וועט איהר—

בירגערמייסטער. וועט אפשר הערר האווסטאד צו־שטעהן צו דער אגיטאַציאָן?

האווסטאד. ניין, בירגערמייסטער.

אסלאַקסען. ניין. מר. האווסטאד איז ניט אַזאַ נאַר, אז ער זאָל רואינירען זיך און זיין צייטונג, צוליעב אַ פוסטע פאַנטאַזיע.

ד ר. שטאָקמאַן. (ארומקוקענדיג זיך) וואָס מיינט דאָס אַלעס?

האווסטאד. איהר האָט אונז פאַרגעשטעלט די אַנגע־לעגענהייט, הערר דאָקטאָר, אין אַ פאַלשע ליכט, און דארום קען איך אייך ניט געבען מיין הילפע.

ביללינג. און נאָך דעם, ווי דער בירגערמייסטער איז געווען אַזוי פריינדליך מיר צו דערצעהלען דאָרט, בין איך—

ד ר. שטאָקמאַן. אין אַ פאַלשע ליכט! גוט, בעשולדיגט מיר אין דעם, אָבער דרוקט מיין ארטיקעל. איך בין ניט געניג, צו שטעהן ביי דעם, וואָס איך האָב געזאָגט.

האווסטאד. איך וועל עס ניט דרוקען. איך קען ניט, וויל נימ און סמייע עס ניט צו דרוקען.

ד ר. שטאָקמאַן. איהר סמייעט ניט? וועלכער אונזין?

איהר זיינט דאָך דער רעדאקטאָר, און איך רעכען, אז עס איז דער רעדאקטאָר, וואָס פיהרט זיין ציימונג.

אסלאקסען. ניין, עס איז דער לעזער, דאָקטאָר.

ביללינג. גליקליכערווייזע איז עס אזוי.

אסלאקסען. עס איז די עפענטליכע מיינונג, דאָס אויפגעקלערטע פאָלק, די בעלי בתים, און די אַלע איבריגע. זיי זיינען עס, וואָס פיהרען די ציימונג.

דר. שטאָקמאן. (רוהיג.) און אלע דיזע מעכטע האָב איך געגען מיר?

אסלאקסען. יא. עס וואָלט געווען אַ'ן אבסאָלוטער אונגליק פאר די שטאדט, ווען אייער אַרטיקעל זאָל געדרוקט ווערען

דר. שטאָקמאן. אזוי גאָר!

בירגערמייסטער. מיין הוט און שטעקען! (דר. שטאָקמאן נעהמט אראָב די הוטעל און לעגט זי אוועק אויפ'ן טיש. דער בירגערמייסטער נעהמט גלייך צו זיך זיין הוטעל און שטעקען.) דיין אויטאָריטעט האָט זיך גיך געענדיגט.

דר שטאָקמאן. דאָס איז נאָך ניט די ענדע. (צו האווסטאַד.) אַלזאָ איז עס גאַנץ אונמעגליך, אז מיין אַרטיקעל זאָל געדרוקט ווערען אין דעם „פאָלקסבאָטע“?

האווסטאד. גאַנץ אונמעגליך. און צוליעב אייער פאַמיליע—

מרס. שטאָקמאן. אָה, ביטע, פאר זיין פאמיליע זאָל אייך ניט אַרען, הערר האווסטאד.

בירגערמייסטער. (נעהמט ארויס אַ פּאַפּיער פון זיין קעשענע.) דאָס וועט זיין גענוג אויפצוקלערען דעם עולם, אויב איהר וועט עס דרוקען. דאָס איז אַ פאָלקאָמענע ערקלערונג. איך דאנק אייך.

האווסטאד. (נעהמענדיג דעם מאַנוסקריפּט.) גוט, איך וועל זעהען, אז דאָס זאָל גלייך אריין.

דר. שטאָקמאן. און מיינט ניט! איהר שטעלט זיך פאָר, דאָס איהר קענט שטיל מאכען מיר און די וואהרהייט? אבער עס

וועט ניט זיין אזוי לייכט, ווי איהר דענקט. הערר אסלאקסען, ווילט איהר זיין אזוי גוט, און דרוקען מיין מאנוסקריפּט גלייך אַלס פּאַמפלעט — אויף מיינע אייגענע קאָסטען — אויף מיין אייגענע פעראַנטוואָרטליכקייט. איך וועל נעהמען 500 קאָפּיעס. ניין, איך וועל נעהמען 600.

אסלאקסען. ניין, ווען איהר זאָלט מיר אפילו אָבגילטען. איך וועל אייך ניט געבען מיין פּרעסע צו אַזאַ צוועק, דאָקטאָר. איך טאָר עס ניט צוליעב די עפּענטליכע מיינונג. און איהר וועט עס אויך ניט קריגען געדרוקט אנדערשוואו, אין דער גאַנצער שטאַדט.

ד ר. שטאָקמאַן. דאַן גיט מיר עס צוריק.

האווסטאד. (דערלאַנגענדיג איהם דעם מאַנוסקריפּט.) מיט דעם גרעסטען פערגניגען.

ד ר. שטאָקמאַן. (נעהמענדיג זיין הוט און שטעקען.) דאָס וועט פערעפענטליכט ווערען זאָ ווי זאָ. איך וועל עס לייענען אויף אַ מאסס־מיטינג, און מיינע ברידער מיט־בירגער זאָלען הערען די שטימע פון וואהרהייט.

בירגערמייסטער. אין דער גאַנצער שטאַדט איז ניטאָ קיין פעראיין, וואָס זאָל דיר געבען זיין זאַאל פאר אַזאַ צוועק.

אסלאקסען. קיין איינציגער, דאָס בין איך זיכער.

ביללינג. ניין, גאָט זאָל מיר אזוי העלפען, איך דענק אויך אזוי.

מרס. שטאָקמאַן. דאָס וואָלט געווען צו שענדליך. אבער ווארום זיינען אַלע דיזע מענער געגען דיר?

ד ר. שטאָקמאַן. (בייז) אה, איך וועל עס דיר זאָגען. דאָס איז דערפאר, ווייל אין דיזער שטאַדט זיינען אַלע מענער אַלטע פרויען — ווי דו. זיי אַלע דענקען נור פון זייערע פאַמיליען, און ניט פון דעם וואוילזיין פון אַלע.

מרס. שטאָקמאַן. (נעהמענדיג זיין אָרעם.) דאַן וועל איך זיי ווייזען ווי אזוי אַ'ן אַלטע פרוי קען זיין אַ מאָל אַ מאַן אויף אַ געוויסען וועג. ווייל איצט וועל איך האַלטען מיט דיר, אָטטאָ.

ד ר. שטאָקמאַן. בראַוו גערעדט, קאַטערינא. ווייל דער

אמת מוז ארויסקומען, איך שווער עס. און אויב איך קען ניט קריגען קיין האָל, וועל איך נעהמען א פּויק און מאַרשירען מיט איהם איבער'ן שטאדט, און וועל לייענען מיין אַרטיקעל ביי יעדער גאַסען־עק.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. זיכער, אזא משוגענער ביזטו נאָך ניט?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך בין.

א ס ל א ק ס ע ן. עס איז ניטאָ קיין איינציגער מענש אין דער גאַנצער שטאדט, וואָס זאָל געהן מיט אייך.

ב י ל ל י נ ג. ניין, גאָט זאָל מיר אזוי העלפען. עס איז ניטאָ!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. גיב ניט נאָך, אָטטאָ! איך וועל שיקען די אינגלאך מיט דיר.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דאָס איז א גרויסאַרטיגע אידעע.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. פּרעדעריק וועט דאָך זיך רייסען געהן און וואַלטער וועט אויך געהן.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, און פּעטרא וועט אויך מיטגעהן. און דו אַליין, קאַטערינע!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. ניין, ניט איך. אבער איך וועל שטעהן ביין פענסטער און נאָכקוקען — דאָס וועל איך טהון מיט פערגניגען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (וואַרפענדיג זיינע אָרעמס ארום איהר און קושענדיג איהר.) איך דאַנק, איך דאנק. איצט מיינע הערר'ען זיינען מיר פערטיג צום קאמפּף. איצט וועלען מיר זעהען, אויב פּייגהייט קען צושליסען דעם מויל פון א פּאַטריאָט, וואָס ארבייט נור פאר דאָס גוטע פון אַלעמען.

(ער און זיין פרוי געהען ארויס דורך די טהיר לינקס.)

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.) איצט האָט ער איהר אויך שוין משוגע געמאַכט!

פיערטער אקט.

(אַ גרויסער אַלט־מאָדישער צימער אין קאַפּיטאַן האָרסטערס הויז. אַ'ן אָפענע גרויסע טהיר פיהרט צו אַ פאָרצימער. לינקס זיינען דאָ דריי פענסטער. אין מיטען פון דער וואַנד אַנטקעגען איז אויפגעשטעלט אַ קליינע פּלאַטפאָרמע. אויף איהר שטעהט אַ קליין טישעל, צוויי ליכט, אַ פלעשעל וואַסער און אַ גלאָק. דער גאַנצער צימער איז בעלויכטען מיט קליינע לאָמפּען, וואָס שטעהען צווישען די פענסטער. לינקס פון דער פּלאַטפאָרמע שטעהט אַ טיש און ביים טיש אַ שטוהל. אין פראָנט, רעכטס, איז אַ טהיר, און ניט ווייט פון איהר עטליכע שטוהלען. אַ גרויסע פערזאַמלונג פון אַלע קלאַסען בירגער. צווישען זיי זעהט מען אויך איינִיגע פרויען און שול־קינדער. מעהר און מעהר מענשען קומען אָן, ביז דאָס צימער איז גאַנץ פול.)

ערשטער בירגער. (צו אַ צווייטען, וואָס שטעהט נעבען איהם.) אַלזאָ, זייט איהר אויך דאָ, לאַמסטאַד.

צווייטער בירגער. איך געה צו יעדער פערזאַמלונג.

דריטער בירגער. אודאי האָט איהר דאָך אייער פייפעל מיטגעבראַכט?

צווייטער בירגער. געוויס האָב איך. און איהר ניט?

דריטער בירגער. ווי דען־זשע. און דער שיפפער עווענסאָן האָט אויך מיר צוגעזאָגט צו ברענגען זיין גרויסע טרובע.

צווייטער בירגער. אָט וועט עס זיין אַ ביסעל שפּאַס!

די אנדערע. מי וועט זיך האַלטען ביי די זייטען. (אַלע לאַכען.)

פיערטער בירגער. (צושטעהענדיג צו זיי.) הערט נור, אבער וועגען וואָס איז דאָס אַלץ? וואָס געהט מען דאָ טהון היינט ביינאַכט?

צווייטער בירגער. וואָס, איהר ווייסט ניט? היינט געהט דאָך דר. שטאָקמאַן רעדען געגען דעם בירגערמייסטער.

פיערטער בירגער. אבער דער בירגערמייסטער איז דאָך זיין ברודער?

ערשטער בירגער. דאָס מאַכט ניט. דר. שטאָקמאַן האָט ניט קיין מורא פאר איהם.

דריטער בירגער. אבער ער איז דאָך אין גאנצען אונגערעכט. אזוי איז געווען געדרוקט אין דעם „פאָלקסבאָטע“.

צווייטער בירגער. יא, ער מוז זיין דעם מאָל אונ־גערעכט. ווייל ניט דער הויז־אייגענטהימער פערבאנד און ניט דער בירגער־קלוב האָבען איהם געוואָלט געבען זייער זאאַל פאר דיזע פערזאמלונג.

ערשטער בירגער. זיי האָבען איהם אפילו ניט געוואָלט לאָזען האָבען דעם האָלל פון די בעדער.

צווייטער בירגער. איהר קענט וויסען, אז זיי האָבען עס ניט.

א מאַן. (אין אַ צווייטער גרופע.) נו, מיט וועמען זאָלען מיר געהן אין דיזער אנגעלעגענהייט?

א צווייטער. (פון דערזעלבער גרופע.) איהר מוזט זיך האַלטען פעסט ביי דעם דרוקער אסלאַקסען, און טהון, וואָס ער טהוט.

ביללינג. (מיט שרייב־מאַטעריאַלען אונטער זיין אָרעם, שפּאַרט זיך דורך דעם עולם.) ווילט איהר מיר לאָזען דורכגעהן? איך געה רעפּאָרטען פאר די צייטונג. א טויזענד דאנקען אייך. (ער זעצט זיך אַוועק ביים טיש לינקס.)

א'ן ארבייטער. ווער איז דער?

א צווייטער ארבייטער. קענסט איהם ניט? דאָס איז דאָך ביללינג, וואָס שרייבט פאר אסלאַקסענס צייטונג.

(קאַפּיטאַן האָרסטער געהט אַריין, פיהרענדיג מיט זיך מרס. שטאָק־מאַן און פּעטרא. פּרעדעריק און וואָלטער קומען אריין נאָך זיי.)

האָרסטער. איך דענק, אז איך וועט דאָ זיין גאנץ

בעקוועם. איהר קענט לייכט ארויסגעהן דורך דאָרט, אויב עס זאָל עטוואָס פּאַסירען.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. דענקט איהר, אז עס קען עפּעס פּאַסירען?

ק אַ פּ י ט אַ ן ה אָ ר ס ט ע ר. דאָס קען מען קיין מאָל אויף פריהער ניט וויסען, ווען מי האָט צו טהון מיט אזא מאַסע. אבער זעצט אייך, און האָט ניט קיין מורא.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (אװעקזעצענדיג זיך.) אהו! עס איז געװען שעהן פון אייך צו לאָזען האָבען שטאָקמאַנען דיזען צימער.

ה אָ ר ס ט ע ר. נו, אז קיין אנדערער האָט ניט געוואָלט, האָב איך—

פּ ע ט ר אַ. (וועלכע האָט זיך שוין אַוועקגעזעצט.) און דאָס איז געוועזן זעהר בראַוו, קאַפּיטאן האָרסטער.

ה אָ ר ס ט ע ר. איך דענק ניט, אז צו דעם איז נויטיג געווען אזוי פיעל מוטה.

(האװסטאד און אסלאקסען געהן אריין צוזאַמען, אבער דורך דעם עולם שפּאַרען זיי זיך דורך יעדער בעזונדער.)

א ס ל א ק ס ע ן. (צוגעהענדיג צו האָרסטער) איז נאָך דער דאָקטאָר ניט געקומען?

ה א ר ס ט ע ר. ער וואַרט דאָרט, אינווייניג.

(אַ בעוועגונג ביין טיר אין הינטערגרונד.)

ה א װ ס ט א ד. (צו בילליננ.) אָט איז דער בירגער־מייסטער, זעהט נור.

ב י ל ל י נ ג. יא, גאָט זאָל מיר אזוי העלפען, אויב ער געהט ניט אין סאַמע פייער, נאָך אַלעמען.

(בירגערמייסטער שטאָקמאַן מאַכט זיך געלאַסען אַ וועג, פערבויגט זיך העפליך און שטעלט זיך אוועק ביי דער וואַנד לינקס. גלייך נאָך דעם קומט אַריין דר. שטאָקמאַן דורך דעם אַריינגאַנג רעכטס. ער איז זעהר ציכטיג אָנגעטאָן, אין אַ פראַק־קאָוט און אַ ווייסע וועסטעל. אַ שוואַרצער אַפּלאָז ווערט אונטערדריקט פון א פייפעריי. דאַן שטילקייט.)

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (שטיל צו זיין פרוי.) נו, ווי פיהלסטו, קאַטערינע?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָה, זעהר גוט. און איך בעט דיר, אָטטאָ, דיזעס מאָל צו בעהערשען זיך.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָה, איך קען מיך שוין זעהר גוט קאָנטראָלירען, טהייערע. (קוקט אויף זיין זייגער, געהט ארויף אויף די פלאַטפאָרמע, און פערבויגט זיך.) עס איז שוין א פערטעל שטונדע נאָך דער בעשטימטער צייט, און איך וועל דארום אנפאנגען.

(ער נעהמט ארויס זיין מאַנוסקריפּט.)

א ס ל א ק ס ע ן. אבער איך רעכען, אז פריהער פון אלץ מוז דאָך אויסערוועהלט ווערען א פאָרזיצענדער.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. ניין, פאר דאָס איז ניטאָ די מינדעסטע נויטווענדיגקייט.

א י י נ י ג ע א י ן ז א א ל. יא, יא, מי דארף א פאָרזיצענדען!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אויך איך דענק, אז א פאָרזיצענדער איז נויטיג.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אבער, איך האָב דאָך גערופען דעם מיטינג, אום צו געבען א לעקטשור, פעטער.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. א לעקטשור איבער די בעדער קען געווים פיהרען צו מיינונגס־פערשידענהייטען.

א ש ט י מ ע פ ו ן ד ע ר מ א ס ע. א פאָרזיצענדען! א פאָרזיצענדען!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (קאָנטראָלירענדיג זיך.) נו, אז די פערזאמלונג וויל אזוי, טו זאָל זיין אזוי.

א ס ל א ק ס ע ן. וויל ניט דער בירגערמייסטער זיין פאָרזיצענדער?

ב י ל ל י נ ג. (קלאַפּענדיג מיט די הענד) בראוואָ! בראוואָ!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. צוליעב אייניגע אורזאכען, וועלכע איך בין זיכער איהר וועט אלע פערשטעהען, מוז איך אייך דאנקען און ניט אָננעהמען צו זיין פאָרזיצענדער. אבער צום גליק האָבען

מיר דאָ איינעם צווישען אונז, וועלכען, איך דענק, מיר קענען אלע. איך מיין דעם פּרעזידענט פון דעם הויז־אייגענטהימער פערבאנד, הערר אסלאקסען.

פּ י ע ל ע ש ט י מ ע ן. יא, יא! לאנג זאָל לעבען אסלאקסען! דריי מאָל הורראה פאר אסלאקסען.

(דר. שטאָקמאַן נעהמט זיין מאַנוסקריפּט און געהט ארונטער פון דער פּלאַטפאָרמע.)

א ס ל א ק ס ע ן. ווי באלד דער פערטרויען פון מיינע ברידער מיטבירגער פאָרדערט, וועל איך ניט זיין אונווילינג.

(גרויסער אַפּלאַז. אסלאקסען געהט ארויף אויף די פּלאַטפאָרמע.)

ב י ל ל י נ ג. (שרייבענדיג.) אזוי — „הערר אסלאקסען אויסערוועהלט איינשטימיג —"

א ס ל א ק ס ע ן. און איצט, אלס פאָרזיצענדער, וויל איך זיך נעהמען די פרייהייט צו זאָגען א פּאָר קורצע ווערטער. איך בין א רוהיגער, פריעדענס־ליעבענדער מענש. איך בין פאר טאַקטישע בעשיידענהייט און פאר בעשיידענע טאַקטישקייט. יעדער, וואָס קען מיר, וויים דאָס.

פּ י ע ל ע ש ט י מ ע ן. יא, אסלאקסען, יא!

א ס ל א ק ס ע ן. איך האָב געלערנט אין דער שול פון לעבען און ערפאהרונג, אז בעשיידענהייט, געלאסענהייט איז די טוגענד, וואָס פּאַסט פאר א בירגער.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. הערט! הערט!

א ס ל א ק ס ע ן. און עס איז אויך געלאסענהייט און בעשיי־דענהייט, וועלכע זיינען אם בעסטען פאר דער געמיינדע. איך וויל דארום בעטען אונזער פיעל געאכטעטען מיטבירגער, וועלכער האָט צונויפגערופען דיזע פערזאמלונג צו איבערלעגען עס זיך און זיך האלטען אין די גרענצען פון געלאסענהייט און בעשיידענהייט.

א מ א ן ב י י ן ט ה י ר. דריי מאָל הורראה פאר דעם בעשיידענהייט־פערבאנד.

א ש ט י מ ע. געה צו אל־די קלאָג.

ש ט י מ מ ע ן. שא, שא!

אסלאקסען. קיינע אונטערברעכונגען, מיינע העררען. וויל אימיצער עטוואס א בעמערקונג מאכען?

בירגערמייסטער. הערר פּרעזידענט! אין אנבעטראכט פון מיין נאהענטע פערבינדונג — וואס איהר ווייסט וואהרשיינליך אלע — מיט דעם הערר, וואס איז איצט מעדיצינישער בעאמטער אין די בעדער, וואלט איך אפילו בעסער געוואלט גאר ניט ריידען היינט. אבער די שטעלע, וואס איך פערנעהם אין די בעדער, און מיין אנגסט מכח זאכען פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאר דער שטאדט צווינגען מיך פּארצושלאגען א רעזאלוציאן. איך קען, גאר אהן צווייפעל, אננעהמען, דאס ניט איין־און־איינציגער בירגער האלט עס פאר גוט, דאס ניט בעשטעטיגטע און איבערטריבענע ערקלערונגען וועגען דעם געזונדהייטס־צושטאנד פון די בעדער זאלען פערשפּרייט ווערען ווייט און ברייט.

פיעלע שטימען. ניין, ניין, געוויס ניט. מיר פּראטעסטירען.

בירגערמייסטער. דארום שלאג איך פאר: „דאס דיזער מיטינג ענטזאגט זיך צו הערען דעם מעדיצינישען בעאמטען פון די בעדער, ניט לעקטשורן און ניט ריידען איבער דיזען געגענשטאנד.“

דר. שטאקמאן. (ווערענדיג בייז.) ענטזאגט זיך צו הערען — וואס פאר א׳ן אונזין!

מרס. שטאקמאן. (הוסטענדיג) הם! הם!

דר. שטאקמאן. (קאנטראלירענדיג זיך.) הייסט עס, אז מי זאל מיך ניט אויסהערען?

בירגערמייסטער. אין מיין ערקלערונג דורך די צייטונג „פאלקסבאטע“, האב איך דעם עולם בעקאנט געמאכט מיט די סאמע וויכטיגע פאקטען, אזוי דאס אלע גוט־דענקענדע בירגער קענען שוין ציהען זייערע אייגענע שליסע. איהר וועט פון דעם פערשטעהן, אז דער פארשלאג פון דעם מעדיצינישען בעאמטען פון די בעדער אויסער דעם, וואס דאס מיינט א פערדאמונג געגען די העכסטע בירגער פון שטאדט, איז עס אבער אין סאמע גרונד אויף א

פאָרשלאַג, אז די בירגער זאָלען נאָך מעהר טעקסעס צאָהלען, ווי זיי טהוען עס ביז איצט, און אַלץ צוליעב א ניט־נויטיגע אויסגאבע פון ווענינסטענס א הונדערט טויזענד קראָנען.

(אַ טומעל און אַ פייפעריי.)

אסלאקסען. (קלינגענדיג מיט'ן גלאָק.) אָרדנונג, מיינע העררען! איך מוז זיך נעהמען די פרייהייט צו אונטערשטיצען דעם בירגערמייסטערס פאָרשלאַג. עס איז אויך מיין מיינונג, אז עטוואָס ניט גוטעס שטעקט הינטער דעם דאָקטאָרס אגיטאַציע. ער רעדט פון די בעדער, אבער מיינען מיינט ער א רעוואָלוציאָן. ער וויל די שטאדט־רעגיערונג איבערגעבען אין אנדערע הענד. קיינער צוויי־פעלט ניט אין דר. שטאָקמאַנס עהרליכקייט. גאָט זאָל אָבהיטען! איך בין צו גונסטען פון זעלבסט־רעגיערונג דורך דאָס פאָלק, ווען נור די הוצאות זאָלען ניט פאלען צו שווער אויף די טעקס־צאָהלער. אבער אין דיזען פאל וועט עס גראדע אזוי זיין, און דערפאר, גאָט פערדאמט — איך בעט אייך אום ענטשולדיגונג—, קען איך ניט געהן צוזאמען מיט דר. שטאָקמאַן. (שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען.)

האווסטאד. אויך איך האלט עס פאר מיין פליכט צו ערקלערען מיין שטעלונג. אין אנפאנג האָט דר. שטאָקמאַנס אַגיטאַציע געפונען חן אין מאַנכע פּלעצער און איך האָב איהר אונטערשטיצט אזוי אונפּארטייאיש ווי איך האָב געקאָנט. אבער אויך מיר האָבען אויסגעפונען, אז מיר זיינען פערפיהרט געוואָרען פון א פאלשע פאָרשטעלונג פון דער לאַגע—

דר. שטאָקמאַן. א פאלשע!

האווסטאד. נו, טו זאָל זיין ניט קיין גאַנץ ריכטיגע. דעם בירגערמייסטערס ערקלערונג האָט עס בעוויעזען. איך גלויב, אז קיינער פון די אנוועזענדע צווייפעלט ניט אין מיינע ליבעראַלע פּרינציפּען. די שטעלונג פון דעם „פאָלקסבאָטע" צו אַלע גרויסע פּאָליטישע פראַגען איז אייך גוט בעקאַנט. אבער איך האָב געלערנט פון ערפאהרונג און פון דענקענדע מענשען, דאָס אין לאָקאַלע זאַכען, מוז מען זיין ביז צו א געוויסען גראַד פאָרזיכטיג.

אסלאקסען. איך בין זעהר אייפערשטאנען מיט דעם רעדנער.

האווסטאד. און אין דער זאך, וועגען וועלכער עס האנ־דעלט זיך איצט, איז קלאר, אז דר. שטאקמאן האט די עפענטליכע מיינונג געגען זיך. און, מיינע העררען, וואס איז די ערשטע און די וויכטיגסטע פליכט פון א רעדאקטאר? איז עס ניט צו זיין אין הארמאניע מיט זיינע לעזער? האט ער דען ניט אויף א געוויסען וועג געקראגען א שטילען מאנדאט צו ארבייטען אונ־ערמיעדליך און שטענדיג פאר דעם גליק פון זיינע לעזער? אדער האב איך אפשר א טעות אין דעם?

פיעלע שטימען. ניין, ניין, ניין! האווסטאד איז גערעכט.

האווסטאד. איך האב ביטער געמוזט קעמפפען מיט זיך, אום זיך צו צוקריגען מיט א מאן, אין וועמעס הויז איך בין די לעצטע צייט געווען אזא אפטער גאסט — מיט א מאן, וועלכער איז ביז היינט געווען אזוי געאכטעט און געליעבט פון אלע זיינע מיטבירגער — מיט א מאן, וועמעס איינציגער פעהלער יעדענפאלס איז, דאס ער בעראטה זיך מעהר מיט זיין הארצען ווי מיט זיין קאפ.

איינציגע שטימען. איז עס אמת? דריי מאל הורראה פאר דר. שטאקמאן.

האווסטאד. אבער מיין פליכט צו דער שטאדט האט מיר געצוואונגען צו צוברעכען די פריינדשאפט מיט איהם. דאן איז דא נאך א׳ן אורזאכע, וואס צווינגט מיר צו זיין געגען איהם, ניט צו לאזען איהם געהן זיין וועג, און דאס איז זיין פאמיליע—

דר. שטאקמאן. האלט זיך ביי די וואסער־לייטונג און די בעדער!

האווסטאד. זיין פרוי און די קליינע קינדער זיינע, וואס זיינען —

וואלטער. מיינט ער עס אונז, מוטער?

מרס. שטאקמאן. שא!

אסלאקסען. איך וועל איצט לאָזען אָבשטימען דעם בירגערמייסטערס פאָרשלאג.

דר. שטאָקמאַן. עס איז ניט נויטיג. איך האָב שוין גאָר ניט בדעה איצט צו רעדען פון דעם גאַנצען שמוץ פון די בעדער. ניין, איהר זאָלט איצט הערען עפּעס גאַנץ אנדערעס!

בירגערמייסטער. (אָן אַ זייט) וואָס פאר אַ נייע נארישקייט איז איהם שוין אין קאָפּ אריין!

א שיכור. (ביין טיר פון הויפּט־אריינגאַנג) איך בין אַ ריכטיגער טעקס־צאָהלער, און איך האָב דארום אַ רעכט אויף מיין מיינונג. מיין פולע, פעסטע מיינונג איז, דאָס—

פיעלע שטימען. שטיל דאָרט!

אנדרע. ער איז שיכור, ווארפט איהם ארוים!

(דער שיכור׳ער מאַן ווערט ארויסגעשטופּט.)

דר. שטאָקמאַן. קען איך רעדען?

אסלאסקען (קלינגענדיג מיט׳ן גלאָק) דר. שטאָקמאַן וועט אדרעסירען דיזע פערזאמלונג.

דר. שטאָקמאַן. איך וואָלט געגליכען צו זעהען מיט איינינע טעג צוריק אימיצען צו סמייען צו מאַכען אזא פערזוך צו פערשטאָפּען מיר די מויל, ווי דאָס האָט פּאַסירט היינט דאָ ביי־נאַכט! איך וואָלט דאַן געקעמפּפט, ווי אַ לייב, אום צו פערטהיי־דיגען מיינע הייליגסטע רעכטע, אלס מענש. אבער איצט איז מיר אַלעס אלץ איינס, ווייל איך האָב מיט איך איצט וועגען וויכטיגערע זאכען צו רעדען. (די מענשען שפּאַרען זיך צו נעהנטער צו איהם. מאָרטאָן קילל, זיין שווער, איז צווישען די ארומשטעהענדע, און דר. שטאָקמאַן רעדט ווייטער.) וועהרענד די לעצטע טעג האָב איך פיעל גע־טראַכט, האָב זיך איבערלעגט וועגען פיעלע זאכען, ביז, ענדליך, אין מיין קאָפּ האָט אַלעס זיך געדרעהט ווי אין מיהל.

בירגערמייסטער. (הוסטענדיג) הם! הם!

דר. שטאָקמאַן. אבער נאכהער האָב איך אָנגעהויבען צו זעהען זאכען קלאָר. דאַן האָב איך דערזעהן דעם סאַמע גרונד פון אַלעס, און דארום בין איך היינט דאָ. איך געה פאר אייך

ענטדעקען עטוואס, וואס איז פיעל וויכטיגער, ווי דער ניט־זעהר־וויכטיגער פאקט, דאס אונזער וואסער־לייטונג איז פערגיפטעט, און דאס אונזערע היגיענישע בעדער זיינען געבויט אויף א באדען, פול מיט די פעסט. —

פ י ע ל ע   ש ט י מ ע ן. (שרייענדיג) רעדט ניט וועגען די בעדער! מיר ווילען דאס ניט הערען. וועגען דעם שווייגט!

ד ר. ש ט א ק מ א ן. איך האב געזאגט, איך וועל רעדען פון דער גרויסער ענטדעקונג, וואס איך האב געמאכט אין די לעצטע עטליכע טעג — די ענטדעקונג, דאס אלע אונזערע גייסטיגע קוועלען פון אונזער לעבען זיינען פערגיפטעט, און דאס אונזער גאנצע בורזשואזע געזעלשאפט איז געבויט אויף א באדען, וועלכער איז פול מיט דעם פעסט פון ליגענס.

מ א נ כ ע   ש ט י מ ע ן. (ערשטוינט און א ביסעל אויפ׳ן קול) וואס זאגט ער דארט?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אזא בעליידיגונג!

א ס ל א ק ס ע ן. (מיט׳ן האנד אויפ׳ן גלאק) איך מוז אויפ־פארדערען דעם רעדנער צו זיין א ביסעל געלאסענער אין זיינע אויסדריקע.

ד ר. ש ט א ק מ א ן. איך האב ליעב געהאט מיין געבורטס־שטאדט אזוי שטארק, ווי איינער קען נור ליעב האבען די הייב פון זיין קינדהייט. איך בין ניט געווען אלט, ווען איך האב פער־לאזען אונזער שטאדט, און די ווייטקייט, און די נויט און די ערינערונגען האבען געווארפען א מאדנעם צויבער אויף די שטאדט און איהרע איינוואהנער. (מאנכע אפלאדיסמענטען הערען זיך.) דאן יאהרען לאנג האב איך געמוזט פערבלייבען אין עפעס א ווינקעל אין די נארד. ווען איך פלעג זיך בעגעגענען מיט מאנכע פון די ארימע מענשען, וואס האבען דארט געלעבט, איינגעצוימט פון פעלזען, האט עס מיר אויסגעזעהען מאנכעס מאל, אז עס וואלט געווען פיעל גלייכער פאר יענע ערניעדריגטע בעשעפעניסע צו האבען א בהמה־דאקטאר, וואס זאל זיי בעזארגען מיט די נויטיגע

מעדיצין, איידער אזא מענשען, ווי איך. (מי מורמעלט אין דער פערזאַמלונג.)

ביללינג. (אוועקלעגענדיג די פעדער) גאָט זאָל מיר אזוי העלפען, אבער איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט—

האוופטאד. עס איז א בעליידיגונג פאר דאָס הויכ־געשעצטע בויערן־פאָלק.

דר. שטאָקמאַן. איין מאָמענט! איך דענק ניט, אז אימיצער קען מיר מאַכען אַ פאָרוואורף, דאָס איך האָב דאָרט פער־געסען אָן מיין געבורטס־שטאדט. דאָרט האָב איך געטראַכט און געשפונען פּלענער—דאָס זיינען געווען די פּלענער פאר די בעדער. (אַפּלאָדיסמענטען פון אַלע זייטען.) און ווען ענדליך, נאָך אַ לאַנגע צייט, האָט דער שיקזאַל אזוי געמאַכט, דאָס איך זאָל קענען קומען צוריק אהיים— דאַן, מיינע מיטבירגער, האָט זיך מיר אָבגעדוכט, אז עס איז גאָר ניטאָ מעהר אזא זאך אויף דער ערד, וואָס איך זאָל נאָך ווינשען. יא, איך האָב געהאַט איין שטענדיגען, ברענענדען וואונש צו זיין ניצליך צו דעם פּלאַץ פון מיין געבורט, און צו די מענשען דאָ.

בירגעסמייסטער. (קוקענדיג אין די פּוסטקייט.) די מעטאָדע איז אַ ביסעל שוין צו מאָדערנע—הם!

דר. שטאָקמאַן. און ווען איך בין אהער געקומען, בין איך געווען גליקליך דורך מיינע חלומות. אבער נעכטען אין דער פריה, ניין, דאָס איז שוין געווען מיט צוויי אווענדען צוריק, האָבען זיך די אויגען פון מיין מח געעפענט ברייט, און דאָס ערשטע, וואָס איך האָב דערזעהן, איז געווען די נאַרישקייט פון די אויטאָריטעטען אונזערע.

(א גערויש, אַ ליאַרם, מרס. סטאָקמאַן הוסט מיט איהר גאַנצען כח.)

בירגערמייסטער. הערר פּאַרזיצענדער!

אסלאקסען. (קלינגענדיג מיט'ן גלאָק.) —אַלס פּאַרזיצענ־דער—

דר. שטאָקמאַן. עס איז געמיין צו כאַפּען מיר ביי א וואָרט, הער אסלאקסען. איך האָב נור געמיינט, דאָס איך בין

געוואָר געוואָרען איבער די פעהלערן, וואָס אונזערע פיהרער האָבען געמאַכט ביי דער גרינדונג פון די בעדער. איך פעראַכט דיזע פיהרער. איך האָב שוין גענוג געזעהן פון דיזען סאָרט מענשען אין מיין צייט, זיי זיינען ווי די ציגען אויף אַ יונגען פעלד. זיי מאַכען אַן איבעראַל הזיקות. זיי שטעהען אין דעם וועג פון אַ פרייען מענשען, וואוהין ער טהוט זיך אַ קעהר— און איך וואָלט געווען צופריעדען ווען מיר וואָלטען זיי געקענט אויסראָטען, ווי מיר טהוען עס מיט אַנדערע שעדליכע און עקעלהאַפטע חיות—

(אַ געפּילדער אין צימער.)

בירגערמייסטער. העהר פּאָרזיצענדער! קען אַזאַ אויסדרוק זיין ערלויבט?

אסלאקסען. דר. שטאָקמאַן.

דר. שטאָקמאַן. איך קען ניט פערשטעהן, ווי אַזוי איך האָב עס נור איצט פערשטאַנען דיזע חברה, ווייל האָב איך דען ניט געהאַט אַביישפּיעל פאַר מיינע אויגען טאָג־טעגליך אין דיזער שטאָדט—מיין אייגענער ברודער פּעטער—וואָס איז אַזוי לאַנגזאַם צו פערשטעהן נייע אידעען, און בלייבט אַזוי פעסט ביי זיינע פאָראורטהיילע—

(מי לאַכט, מי רוישט און מי פייפט. מרס. שטאָקמאַן הוסט און אַסלאַקסען קלינגט מיט'ן גלאָק.)

דער שיכור. (וואָס איז צוריק אַריין) מיינט איהר עס מיר? זיכער, מיין נאָמען איז פּעטערסאָן, אבער, פערדאמט, אויב—

צורייצטע שטימען. ווארפט איהם ארויס! (דער מאַן ווערט וויעדער אַרויסגעוואָרפען.)

בירגערמייסטער. ווער איז עס יענע פּערזאָן?

איינער נעבען איהם. איך קען איהם ניט, בירגער־מייסטער.

א צווייטער. ער איז ניט קיין היגער.

א דריטער. וואהרשיינליך אַ לויפער פון—

אסלאקסען. דער מאַן איז וואהרשיינליך שיכור געווען

פון ביידיש ביער. רעדט ווייטער, דר. שטאָקמאַן, אבער זעהט, זייט געלאַסענער.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו, ברידער בירגער, איך וויל ניט רעדען מעהר פון אונזערע פיהרער. אויב אימיצער רעכענט פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט, דאָס איך וויל מי זאָל אויסראָטען יענע הערן אָט שוין, היינט ביינאַכט, האָט ער א טעות, א גרויסען טעות. ווייל איך האָב דעם פעסטען גלויבען אין מיר, אז דיזע רעשטלאַך פון אַן אָבשטאַרבענדע וועלט פון געדאנק טהוען דאָס אויסגעצייכענט אַליין פאר זיך. זיי דארפען ניט די הילפע פון א דאָקטאָר צו פערגיכערען זייער סוף. אויך איז עס ניט דיזער סאָרט מענשען, וואָס זיינען די גרעסטע געפאהר פאר דער געזעלשאַפט, ניט זיי זיינען עס, וואָס האָבען די מייסטע ווירקונג אין דער פערגיפטונג פון אונזער גייסטיגען לעבען, אדער וואָס פערפעסטען דעם באָדען אונטער אונזערע פיס ; ניט זיי זיינען עס, וואָס זיינען די געפעהרליכסטע שונאים פון אמת און פרייהייט אין אונזער געזעלשאַפט.

ג ע ש ר ײ ע ן פ ו ן אַ ל ע ז ײ ט ע ן. ווער איז עס אַלזאָ? רופט זיי אָן!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאָ, זייט זיכער, איך וועל זיי אייך אָנרופען. ווייל דאָס איז די גרויסע ענטדעקונג, וואָס איך האָב נעכטען געמאַכט. (אין אַ העכערען טאָן.) די מייסט געפעהרליכע פיינד פון פרייהייט צווישען אונז איז די קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט! יאָ, די פערדאַמטע, קאָמפּאַקטע, ליבעראַלע מאַיאָריטעט — זיי זיינען עס. נון, ווייסט איהר עס!

(אַ שרעקליכער טומעל אין צימער. די מייסטע שרייען, קלאַפּען מיט די פיס, פייפען. אייניגע עלטערע הערען קוקען זיך איבער צוויי־שען זיך און זעהען אויס שטאַרק אַמיזירט. מרס. שטאָקמאַן הייבט זיך אויף נערוועז. פּערעדריק און וואַלטער געהען צו מיט בייזע געזיכטער צו די ליאַרעם־מאַכענדע שול־קינדער. אסלאַקסען קלינגעלט מיט'ן גלאָק און שרייט: „אָרדנונג!" האָווסטאַד און ביללינג רעדען ביידע צוזאַ־מען, אבער מי קען גאָרניט הערען. ענדליך ווערט ווידער רוהיג.)

אסלאקסען. דער פּאָרזיצענדער האָפּט, אז דער רעדנער וועט צוריקציהען זיינע האסטיגע אונבערעכענטע בעמערקונגען.

דר. שטאָקמאַן. קיינמאָל ניט, הערר אסלאקסען. ווייל דאָס איז דאָך די גרויסע מאַיאָריטעט פון אונזער געזעלשאפט, וואָס רויבט מיר פון מיין פרייהייט און וויל מיר פערוועהרען צו רעדען די וואהרהייט.

האוּוסטאד. רעכט איז אימער אויף דער זייט פון דער מאַיאָריטעט.

ביללינג. יא, און אויך דער אמת, גאָט זאָל מיר אזוי העלפען.

דר. שטאָקמאַן. די מאַיאָריטעט איז קיינמאָל ניט גערעכט. קיינמאָל זאָג איך. דאָס איז איינע פון יענע איינ־געקאָרעניעטע ליגענס, געגען וועלכע א פרייער, דענקענדער מענש מוז פּראָטעסטירען. ווער זיינען עס די, וואָס שטעלען צוזאמען די מאַיאָריטעט פון א לאַנד? זיינען עס די קלוגע אָדער די נאַרישע? איך דענק, מי מוז צוגעבען, אז די נאַרישע מענשען זיינען איבער דער גאנצער וועלט אין א געוואלדיגער מאַיאָריטעט. און, דער טייפעל זאָל עס נעהמען, עס קען דאָך זיכער ניט זיין גערעכט, אז די נאַרישע זאָלען פיהרען די קלוגע. (ליאַרם און געשרייען.) יא, יא, איהר קענט מיר איבערשרייען, אבער איהר קענט מיר ניט ענטפערן. די מאַיאָריטעט האָט די מאכט, צום אונגליק, אבער רעכט האָט זי ניט. איך און נאָך אייניגע ווייניגע האָבען דאָס רעכט. די מינאָרי־טעט איז אימער גערעכט. (ווידער אַ געוואלדיגער ליאַרם.)

האוּוסטאד. האַ! האַ! אַלזאָ איז דר. שטאָקמאַן געוואָרען גאָר אַ'ן אריסטאָקראט זייט אייער־נעכטען.

דר. שטאָקמאַן. איך האָב געזאָגט, דאָס איך וועל ניט פערלירען א וואָרט איבער די קליינע, שמאָל־בריסטיגע, קורץ־אטהמיגע חברה, וואָס שלעפּט זיך הינטער אונז. דער קאָכעדיגער לעבען האָט גאָר ניט צו טאָן מיט זיי. אבער איך דענק פון יענע אייניגע איינצעלנע צווישען אונז, וואָס האָבען בעשאפען די אלע נייע, לעבען־שפּראָצענדע אידעען פאר זייערע אייגענע. דיזע

מענשען שטעהען, זאָ־צו־זאָגען, אויף דער וואך, אזוי ווייט פאָר־אויס, דאָס די קאָמפּאקטע מאיאָריטעט האָט זיי נאָך ניט דער־גרייכט, און דאָרט קעמפּפען זיי פאר די וואהרהייטען, וועלכע זיינען צו שפּעט געבאָרען געוואָרען אין דער וועלטס־בעוואוסטזיין, אום צו געווינען פאר זיך די מאיאָריטעט.

האוּוסטאד. אלזאָ איז דער דאָקטאָר איצט א רעוואָלוציאָנער!

ד ר. שטאָקמאַן. יא, דאָס בין איך, הערר האוּוסטאר, ווייל איך געה רעבעללירען געגען דעם ליגען, אז דער אמת איז ביי די מאיאָריטעט. וואָס פאר א סאָרטען וואהרהייטען זיינען עס די, וואָס די מאיאָריטעט האָט די געוואוינהייט אויפצונעהמען? וואהר־הייטען, וואָס זיינען שוין אזוי פול מיט יאהרען, דאָס זיי צופאַלען שוין אזש. ווען א וואהרהייט ווערט אזוי אלט, איז זי שוין אויפ׳ן ריכטיגען וועג צו ווערען א ליגען, מיינע העררען. (געלעכטער און אונטערברעכונג.) יא, איהר מעגט מיר גלויבען אָדער ניט, אבער וואהרהייטען זיינען ניט די לאנג־יאהריגע מתושלח׳ס, ווי מאַנכע רעדען זיך איין. א ריכטיג געבויטע וואהרהייט לעבט — לאָמיר זאָגען — אלס א כלל — זיעבצעהן אָדער אכטצעהן יאהר; אז פיעל, איז צוואנציג. זעלטען־ווען לענגער. אבער די וואהרהייטען, וואָס זיינען געפּלאָגט מיט אזא אלטקייט, זיינען שרעקליך אויס־געדארט, און דאָך איז עס ערשט דאַן, ווען די מאיאָריטעט נעהמט זיי אויף און רעקאָמענדירט זיי צו דער געזעלשאפט, אלס געזונדע נאהרונג. אבער איך קען אייך פערזיכערען, אז עס איז ניטאָ פיעל נאהרונגס־שטאָף אין דיזען מאכל. און אלס א דאָקטאָר, ווייס איך עטוואָס וועגען דעם. דיזע אלע מאיאָריטעטס־וואהרהייטען זיינען ווי לעצטעס יאהר געזאלצענער חזיר־פלייש. זיי זיינען ווי די פערשימעלטע, ביטערע ווארשט, און זיי מאכען עס דיזען גאַנצען מאָראלישען שקראָפול, וואָס פערוויסטעט אונזער געזעלשאפט!

אסלאקסען. עס שיינט מיר, דאָס דער הויכווירדיגער רעדנער געהט אוועק צו ווייט פון זיין שטאנדפּונקט.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איך בין גאנץ איינפערשטאנען מיט דעם העררן פּאָרזיצענדען.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. איך דענק ווירקליך, אז דו ביזט גאנץ משוגע, פּעטער! איך האַלט מיך ביי דער טהעמא אזוי נאָהענט, ווי איינער קען נור, ווייל דאָס, וואָס איך זאָג, איז, דאָס די מאַיאָריטעט, די פערדאמטע, קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט, דאָס זי איז עס, וואָס פערגיפטעט אונזער גייסטיגען לעבען, און פערפּעסטעט דעם גרונד אונטער אונזערע פיס.

ה א ו ו ס ט א ד. און דאָס טהוט די גרויסע אונאבהענגיגע מאַיאָריטעט דערפאר, ווייל זי איז פערנינפטיג גענוג צו אכטען נור אזעלכע וואהרהייטען, אין וועלכע מי איז שוין זיכער, און וועלכע זיינען שוין אנערקענט!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָה, מיין טהייערער העררר האווסטאד! רעדט ניט מיט אזא גלאַטינקען צינגעלע וועגען אנערקענטע וואהר־הייטען! די וואהרהייטען, וואָס די מאסען אנערקענען, זיינען שוין וואהרהייטען, וועלכע זיינען געוועזען זיכער אין די טעג פון אונזערע עלטער־זיידעס. מיר, די קעמפּפער פון הייגטיגער צייט, אנערקענען זיי ניט מעהר, און איך גלויב ניט, אז עס איז דאָ נאָך אנאנדער זיכערע וואהרהייט, אויסער דיזע — דאָס די געזעלשאַפט קען ניט לעבען און געדייהען אויף אלטע וואהרהייטען, ווי אייערע, וואָס זיינען אָהן מארך און אָהן לעבען.

ה א ו ו ס ט א ד. אבער אנשטאט דיזע אלע וואָלקענדיגע רייד וואָלט געוועזען מעהר אינטערעסאנט צו הערען, וואָס זיינען עס יענע וואהרהייטען, אָהן מארך און אָהן לעבען, מיט וועלכע מיר האַלטען זיך! (אַ גרויסער אַפּלאָז פון גאַנצען עולם.)

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָך, איך קען ניט אויסרעכענען די גאַנצע הורבע פון העסליכקייטען. אבער אום אָנצופאנגען, וועל איך אָנווייזען אויף בלויז איין אנערקענטע וואהרהייט, וועלכע איז אין גרונד גענומען א שרעקליכער ליגען, אבער אויף וועלכע אלע, אי העררר האווסטאד און זיין צייטונג, און אי די אלע אנהענגער פון זיין צייטונג עקזיסטירען.

ה א ו ו ס ט א ד. און דאָס איז ?—

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דאָס איז די לעהרע, וואָס איהר האָט געירש'ענט פון אונזערע אור־עלטערן, און וועלכע איהר פּראָקלאַמירט ווייט און ברייט, דאָס די מאַסע, די פּראָסטע סטאַדע, דאָס זי איז דער סאַמע קערן פון פאָלק, ניין, דאָס זי איז עס דאָס פאָלק, דאָס דער פּראָסטער מענש, דאָס דיזער אונוויסענדער, אונענטוויקעלטער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט האָט דאָסזעלבע רעכט צו פערדאַמען אָדער מסכים צו זיין, צו רעגירען און צו הערשען, ווי די וועניגע מענשען פון גייסטיגער מאַכט.

ב י ל ל י נ ג. ניין, ווירקליך, גאָט זאָל מיר—

ה א ו ו ס ט א ד (שרייענדיג) בירגער, ביטע, מערקט דאָס זיך!

ב י י ז ע ש ט י מ ע ן. האָ! האָ! זיינען מיר דען ניט דאָס פאָלק ? איז דאָס נור די רייכע, וואָס זאָלען רעגירען ?

א ן א ר ב י י ט ע ר. ווארפט דאָרט ארונטער דעם בחור, וואָס שטעהט דאָרט און פּלוידערט אזוי!

א נ ד ע ר ע. ווארפט איהם ארונטער.

א ב י ר ג ע ר. (שרייענדיג) בלאָז דיין טרובע, עווענזאָן!

(הויכע פייפעריירען און אַ שרעקליכער גערויש אין צימער.)

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (ווען דער טומעל האָט זיך עטוואס איינגעלעגט.) איצט זייט פערנינפטיג. קענט איהר ניט פערטראָגען צו הערען כאָטש איין מאָל דעם אמת ? איך פערלאַנג דאָך ניט פון אייך, איהר זאָלט גלייך מיט מיר איינפערשטאַנען ווערען. אבער איך האָב זיכער ערוואַרטעט, דאָס הערר האווסטאד וועט זיין אויף מיין זייט, ווען ער וואָלט נור געווען געטריי צו זיך אליין. זאָגט דאָך הערר האווסטאד, דאָס ער איז אַ פריידענקער—

ע ט ל י כ ע ש ט י מ ע ן. (פרעגען ערשטוינט אין א נידריגען טאָן.) פריידענקער, האָט ער געזאָגט ? וואָס ? רעדאַקטאָר האווסטאד אַ פריידענקער ?

ה א ו ו ס ט א ד (שרייענדיג) בעווייזט עס, דר. שטאָקמאן, ווען האָב איך עס א מאָל געזאָגט אין דער צייטונג ?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (נאכטראַכטענדיג.) ניין, ווירקליך, אין

דעם זיינט איהר גערעכט. איהר זייט קיינמאָל ניט געווען אזוי אָפענהערציג צו טהאָן דאָס. נו, איך וועל אייך ניט ברענגען אין א שווערע, אונאַנגענעהמע לאַגע, הערר האווסטאד. לאָמיך אַליין בלייבען דער פרייער דענקער. און איך וועל איצט בעווייזען, דאָס דער „פאָלקסבאָטע" פיהרט אייך אָלעמען ביי דער נאָז, ווען ער זאָגט אייך, דאָס איהר, די מאסען, די פראָסטע סטאדע, זיינט דער סאמע אמת'ער קערן פון פאָלק. איך וועל בעווייזען אייך וויסענשאפטליך, אז דאָס איז בלויז א צייטונגס־ליגען. די מאסען זיינען בלויז דער רויהער מאטעריאַל, פון וועלכען מיר, די פעהיגערע, די קליגערע, בילדען ערשט א פאָלק. (מורמלעריי, געלעכטער און גערויש אין צימער.) און איז עס ניט אזוי מיט אַלע אנדערע לעבעדיגע בעשעפעניסע אויף דער ערד? ווי גרויס איז עס דער אונטערשיעד צווישען א קולטיווירטע און ניט־קולטיווירטע פאמיליע פון חיות? טהוט נור א קוק אויף א פראָסטע בויערן־הוהן. וואָס פאר א סאָרט פלייש קריגט איהר פון אזא דארע חיה? זעהר וועניג מיט וואָס זיך צו בעריהמען. און וואָס פאר א סאָרט אייער לעגט זי? א וועלכע עס איז אנשטענדיגע קראָ קען לעגען אייער באלד אזעלכע גוטע. דאַן נעהמט א קולטיווירטע שפאנישע אָדער יאפאנעזישע הוהן, אָדער נעהמט א פאווע אָדער א אינדעטשקע — אה, דאַן זעהט איהר דעם אונטערשיעד. און דאַן נעהם איך דעם הונד, דעם מענשענס נעהענטסטען חבר. שטעלט זיך פאָר פריהער א געוועהנליכען פראָסטען גאַס־הונד, איך מיין איינעם פון יענע העסליכע, צופליקטע, פערשמוצטע בעשעפעניסע, וואָס לויפען ארום איבער די גאסען, און וועלכע זיינען אונז אלעמען אין וועג, און שטעלט אוועק אזא הונד ביי דער זייט פון א פודעל־הונד, וועלכער איז פאר פיעלע דורות אויפגעהאָדעוועט געוואָרען פון א גוט־בעקאנטע פאמיליע, וועלכער האָט געלעבט אויף דעליקאטע נאהרונג, און האָט געהערט הארמאָנישע שטימען און מוזיק. גלויבט איהר ניט, דאָס דער מארך ביי אזא פודעל האָט זיך ענטוויקעלט גאנץ אנדערש, ווי דער מארך פון א פראָסטען גאסען־הונד? יא, איהר מעגט זיך פערלאָזען אויף דעם. אָט נור

אזעלכע ערצויגענע פודעלס קען מען עס אויסלערנען צו טאָן פער־שידענע טריקס. א געוועהנליכער בויערן־הונד וואָלט אין זיין לעבען ניט געקאָנט אויסלערנען אזעלכע קונץ־שטיק. (אלגעמיינער געלעכטער.)

א בירגער. (שרייענדיג) ווילט איהר איצט מאַכען הינט פון אונז?

א צווייטער. מיר זיינען ניט קיין חיות, הערר דאָקטאָר.

דר. שטאָקמאַן. יא, ביי מיין לעבען, אבער מיר זיינע חיות, אלטער יונגע! מיר זיינען איינער ווי דער צווייטער אזוי פיעל חיות, וויפיעל איינער קען נור ווינשען. אבער עס איז אמת, דאָס צווישען אונז זיינען ניטאָ פיעלע חיות, וואָס האָבען זיך מיט עטוואָס אויסגעצייכענט. אה! עס איז דאָ א שרעקליכער אונטער־שיעד צווישען די מענשען — צווישען די פודעל־מענשען און די פראָסטע הינד־מענשען, און דאָס לעכערליכסטע דערביי איז, דאָס דער רעדאקטאָר האווסטאד איז מיט מיר איינפערשטאנען אזוי לאנג, ווי מיר רעדען פון די פיער־פיסיגע חיות—

האווסטאד. אָה, הערט שוין אויף וועגען דעם!

דר. שטאָקמאַן. גוט! אבער אזוי שנעל, ווי איך וועל אָן דיזען געזעץ צו די צוויי־פיסיגע, איז הערר האווסטאד שטאַרק אויפגעבראכט. דאַן האָט ער שוין מעהר ניט די קראפט צו האַלטען זיך ביי זיינע מיינונגען. ער האָט ניט דעם מוטה אויסצודענקען זיינע אייגענע מיינונגען ביז צום לאָגישען סוף. דאַן דרעהט ער איבער אלע זיינע לעהרען מיט'ן קאָפּ אראָב, און ערקלערט אין זיין צייטונג „דער פאָלקסבאָטע“, דאָס בויערן־הינער און רינשטאָק־הינד זיינען גאָר די בעסטע און די טהייערסטע מינים אין דער מענאַדעזשעריע! אבער עס איז אימער אזוי: אזוי לאנג, ווי איהר האָט ניט ארויסגעארבייט די פראָסטקייט פון אייער סיסטעם, און האָט ניט דערשלאָגען זיך צו גייסטיגער הויכקייט—

האווסטאד. איך האָב קיינע פּרעטענזיעס אויף איר־גענד וועלכע הויכקייט. איך שטאַם פון איינפאַכע בויערן, און איך בין שטאָלץ דערמיט, וואָס מיין וואָרצעל ליעגט טיעף צווישען

די מאַסען, פון װעלכע מי מאַכט איצט חוזק.

איינינגע אַרבייטער. דריי מאָל הורראה פאַר האװסטאַד. הורראה! הורראה!

ד״ר. שטאָקמאַן. דעם סאָרט מענשען, פון װעלכע איך רייד, געפינט איהר ניט בלויז אין די ניעדריגע קלאַסען. זיי קריכען און קישענען ארום אונז איבעראַל, ביז אין די העכסטע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. קוקט נור אָן אונזער גלאַטען, עלעגאַנטען בירגערמייסטער! װירקליך, מיין ברודער פעטער איז פונקט אזוי פיעל איינער פון דער װאולגארנער סטאַדע, װי אירגענד װער, װאָס געהט אויף צוויי פיס. (געלעכטער און פייפערייען.)

בירגערמייסטער. איך פראָטעסטיר געגען אזעלכע פערזענליכע בעליידיגונגען.

ד״ר. שטאָקמאַן. (אוי װי דאָס װאָלט איהם ניט אָנגעהויבען צו אַרען.) און דאָס איז ניט דערפאַר, װייל ער, װי איך אליין, שטאַמט פון אַ ניכטסװירדיגען אַלטען רויבער פון פאָמעראַניא—

בירגערמייסטער. אַ לעבערליכע, אונזיניגע געשיכטע, שוין לאַנג אָבגעשטריטען.

ד״ר. שטאָקמאַן. —נור ער איז עס, װייל ער דענקט נאָך אַלץ די געדאַנקען פון זיינע אור־עלטערן, און האַלט זיך ביי זייערע מיינונגען. די מענשען, װאָס טהוען עס, זיי געהערען צו דער פראָסטער, רויהער מאַססע. איהר זעהט, דארום איז עס מיין ברודער אין גרונד גענומען אזוי גראָב און אזוי ניט ליבעראַל.

בירגערמייסטער. הערר פאָרזיצענדער!

האװסטאַד. הייסט עס, אַז די פערזאָנען, װאָס צייכענען זיך יאַ אויס פון אנדערע, זיינען ליבעראַלע? דאָס איז גאַר אַ נייע טהעאָריע!

ד״ר. שטאָקמאַן. יאַ, אויך דאָס איז אַ טהייל פון מיין נייער ענטדעקונג. און אויך דאָס זאָלט איהר הערען. דאָס דער פרייער געדאַנק איז פונקט דאָסזעלבע, װי מאָראַל, װי גרויסקייט, װי אַריסטאָקראַטיע. און איך זאָג דארום, אַז עס איז גאַנץ אונ־פערצייהליך פון דעם „פאָלקסבאָטע“ צו שרייען טאָג־איין טאָג־אויס,

אז עם זיינען די מאַסען, די קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט, וואָס מאַנאָפּאָליזירען דאָס פרייע דענקען און מאָראַל, און דאָס פער־דאָרבענהייט און גייסטיגע פוילענעש קומען נור פון דער ערציהונג, ווי די גאַנצע פוילעניש ביי די בעדער קומט פון דעם מיהל־טהאַל־גערבערייען! (טומעל און אונטערברעכונגען. דר. שטאָקמאַן רעדט אבער ווייטער.) און די זעלבע צייטונג קען פּרעדיגען וועגען די אויפהעבונג פון די מאַסען צו אַ העכערען לעבענס־פּלאַן! אבער, צום טייפעל, אויב די לעהרע פון דער צייטונג איז ריכטיג, אַז די מאַסען זיינען די געהויבענסטע, טו צו וועמען זאָל מען זיי נאָך דערהויבען? מיינט דאָך גאָר דערהויבען זיי, שטירצען זיי אין פערניכטונג! אבער צום גליק איז עס בלויז אַ'ן אלטער ליגען, דאָס ערציהונג מאַכט איינעם אונמאָראַליש. ניין, עס איז די אונ־וויסענהייט, די אָרימקייט, די העסליכקייט פון לעבען, וועלכע טהוען דיזע טייפעלשע ארבייט! אין אַ הויז, וועלכע ווערט ניט אויס־געלופטערט, און וואו די פּאָדלאָגע ווערט ניט אויסגעקעהרט — מיין פרוי קאַטערינע בעהויפּטעט, אַז מי דאַרף זיך אויך וואַשען, אבער דאָס קענען מיר איצט ניט דיסקוטירען — נו, אין אַזאַ הויז, זאָג איך, אין דעם משך פון צוויי, דריי יאהר, פערלירען די מענשען דעם כח צו דענקען אָדער האַנדלען מאָראַליש. דער פעהלען פון דעם זויערשטאָף מאַכט שוואַך דעם געוויסען. און עס שיינט, אַז עס איז דאָ זעהר ווייניג זויערשטאָף אין פּיעלע הייזער פון אונזער שטאָדט, איז דאָך די גאַנצע קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט אַזוי געוויסענ־לאָז צו פערלאַנגען אויפצובויען דאָס וואָהלזיין פון דער שטאָדט אויף אַ זומפּ פון ליגענס און שווינדעל!

אסלאקסען. איך קען ניט ערלויבען אַזאַ בעליידיגונג, געשליידערט אויף אלע בירגער, וואָס זיינען דאָ אנוועזענד.

איינער אין זאַאל. איך מאַך אַ פאָרשלאָג דאָס דער פאָרזיצענדער זאָל הייסען דעם רעדנער זיך זעצען.

פּיעלע שטימען. יא, יא, דאָס איז ריכטיג! זעצט זיך אוועק! זעצט זיך אַוועק!

ד ר. שטאָקמאַן. (אין כעס.) דאַן וועל איך פּראָקלאַ־

מירען די וואהרהייט פון די דעבער! איך וועל שרייבען צו אַנדערע צייטונגען, אויסער אונזער שטאדט. די גאַנצע לאַנד זאָל וויסען, ווי די לאַגע איז דאָ.

האוועסטאד. עס זעהט אויס, אזוי ווי דער דאָקטאָר וואָלט געוואָלט רואינירען די שטאדט.

דר. שטאָקמאַן. יא, איך ליעב מיין געבורטס־שטאדט אזוי גוט, דאָס איך וואָלט איהר גיכער רואינירט, איידער זעהען איהר בליהענדיג אויף א ליגען.

אסלאקסען. דאָס איז גערעדט שטארק!

(אַ טומעל און פייפעריי. מרס. שטאָקמאַן הוסט אומזיסט. דער דאָקטאָר הערט איהר שוין נית מעהר.

האוועסטאד. (שרייענדיג אין דעם טומעל.) דער מאַן, וואָס קען רואינירען אַ גאַנצע שטאדט, מוז זיין א פיינד פון דער געזעלשאפט!

דר. שטאָקמאַן. (אין גרויסער אויפרעגונג.) עס מאַכט ניט אויס, אז א שטאָדט, געבויט אויף ליגענס, זאָל רואינירט ווערען. זי מוז געמאכט ווערען גלייך מיט דער ערד. אלע מענשען, וואָס לעבען אויף ליגען, מוזען אויסגעראָטעט ווערען. איהר וועט מיט דער צייט פערגיפטען דאָס גאַנצע לאַנד. איהר וועט עס ברענגען צו אזא צושטאנד, דאָס דאָס גאַנצע לאנד וועט פערדינען אונטער־צוגעהען. און זאָל טאקי קומען דערצו, זאָג איך פון מיין גאַנצען האַרצען: זאָלען צו גרונד געהן די אלע מענשען!

איינער אין זאאל. הערט! ער רעדט דאָך ווי א ריכטיגער פיינד פון פאָלק.

ביללינג. אָט האָט גערעדט די שטימע פון פאָלק, גאָט זאָל מיר אזוי העלפען—

פיעלע. יא! יא! יא! ער איז אַ פּיינד פון פאָלק! ער האַסט די לאַנד, ער האַסט דאָס פאָלק!

אסלאקסען. אלס בירגער פון דיזער שטאדט און אַלס מענש פיהל איך מיך צוטרייסעלט פון דאָס, וואָס איך האָב היינט געמוזט הערען. דר. שטאָקמאַן האָט זיך פאר אונז געוויעזען אין

א געשטאַלט, וואָס איך וואָלט מיר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט. איך בין געצוואונגען צו ערקלערען זיך איינפערשטאַנען מיט דער מיינונג, וואָס איז נור־וואָס אויסגעדריקט געוואָרען פון א ווירדיגען בירגער, און איך דענק, אז מיר דארפען געבען אויסדרוק צו דיזער מיינונג. דארום שלאָג איך פאָר א רעזאָלוציאָן, אז „דיזער מיטינג איז פון דער מיינונג, דאָס דער מעדיצינישער בעאַמטער פון די בעדער, דר. אָטטאָ שטאָקמאַן, איז א פיינד פון פאָלק!"

(דונערנדער אַפּלאָז. פיעלע שטעלען זיך אַרום דאָקטאָר און שרייען אויף איהם. מרס. שטאָקמאַן און פעטרא האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער. פרעדריק און וואלטער פייטען זיך מיט די שול־קינדער, וועלכע האָבען אויך געשיקעט. די ערוואַקסענע נעהמען זיי פערנאַנדער.)

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (צו די, וואָס פייפען איהם אויס) אה, איהר נארען, וואָס איהר זיינט! איך זאָג אייך דאָס—

א ס ל א ק ס ע ן (קלינגענדיג.) דער דאָקטאָר איז אויסער אָרדנונג. עס מוז איצט אבגעשטימט ווערען; און אוים ריקזיכט פאר די געפיהלען פון די אנוועזענדע וועט די אבשטימונג זיין אָהן נעמען. האָט איהר ליידיגע פּאַפּיער, הערר בילינג?

ב י ל ל י נ ג. איך האָב ביידע, בלויע און ווייסע.

א ס ל א ק ס ע ן. דאָס איז גוט. אויף אזא אופן וועלען מיר עס מאכען נאָך שנעלער. (צום מיטינג.) בלוי מיינט ניין, ווייס מיינט יא. איך וועל אַליין ארומגעהן זאמלען די שטימען.

(דער בירגערמייסטער פערלאָזט דאָס צימער. אסלאקסען און איניגע בירגער געהען ארום מיט שטיקלאך פּאַפּיער אין די היט.)

א י י נ ע ר (צו האָוסטאַד) וואָס איז עס היינט מיט דעם דאָקטאָר? וואָס מיינט דאָס אלעס?

ה א ו ו ס ט א ד. איהר ווייסט דאָך, ווי ניט איבערלעגט ער האַנדעלט אימער.

א צ ו ו י י ט ע ר. (צו בילינג) הערט! איהר זיינט דאָך מיט איהם גוט בעפריינדעט. האָט איהר א מאָל בעמערקט, אויב ער טרינקט?

ב י ל ל י נ ג. גאָט זאָל מיר העלפען! איך ווייס ווירקליך ניט,

וואָס צו זאָגען. פונש איז אימער דאָ אויפ'ן טיש, ווען אימיצער קומט נור.

א ד ר י ט ע ר. ניין, איך דענק, אז ער איז פשוט משוגע.

ד ע ר ע ר ש ט ע ר. יא, איך גלויב, אז משוגעת איז ביי זיי א פאמיליען־קראנקהייט.

ב י ל ל י נ ג. דאָס וואָלט מיך ניט געוואונדערט.

א פ ע ר ט ע ר. ניין, דאָס איז בלויז אייפערזוכט. ער וויל זיין איבער אלעמען.

ב י ל ל י נ ג. מיט א פּאָר טעג צוריק האָט ער טאַקי גערעדט וועגען א העכערען געהאלט, אבער ער האָט עס ניט געקראָגען.

א ל ל ע צ ו ז א מ ע ן. אה! דאָס ערקלערט שוין אלעס.

ד ע ר ש כ ו ר. (צווישען עולם) איך וויל א בלויע, איך וויל! און איך וויל האָבען אויך א ווייס!

א י י נ י ג ע. ווידער דער שכור! ווארפט איהם ארויס!

מ אָ ר ט ע ן ־ ק י ל ל. (צוגעהענדיג נאָהענט צום דאָקטאָר.) נו, שטאָקמאַן, זעהסט איצט, צו וואָס עס פיהרט דאָס נאריש־מאכען זיך?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. איך האָב געטאָן מיין פליכט.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. וואָס האָסטו עפּעס געזאָגט וועגען די גערבערייען פון מיהל־טהאל?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. איהר האָט דאָך געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט. די גאנצע פוילעניש קומט פון זיי.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. פון מיין גארבארניע אויך.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. צום אונגליק איז אייער גארבאניע די ערגסטע.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. איהר וועט דאָס אויך אין די צייטונגען אריינשטעלען?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. איך פערשווייג קיין זאך ניט.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. דאָס וועט דיר טהייער קאָסטען, שטאָקמאַן! (געהט אַוועק.)

א פ ע ט ע ר ה ע ר ר. (געהט צו צו קאַפּיטאַן האָרסטער, ניט

פערבויגענדיג זיך פאר די דאמען.) נו, קאפיטאן, איהר בארגט אלזא אייער הויז צו א פיינד פון פאלק!

האָרסטער. איך דענק, אז איך קען טאן מיט מיין הויז, ווי איך וויל, מיין הערר.

דער פעטער הערר. איהר זאלט פון מיר הערען מארגען. (דרעהט זיך אום, און געהט אוועק.)

פעטרא. איז דאס ניט געווען דער שיף־אייגענטהימער.

האָרסטער. יא, דאס איז ער געווען, דער קויפמאן וויק.

אסלאקסען. (מיט די שטימצעטלעך אין זיינע הענד, געהט ארויף אויפ'ן פלאטפארמע און קלינגט.) מיינע הערערן, איך האב אייך בעקאנט צו מאכען מיט דעם רעזולטאט פון דער אבשטימונג. אלע, מיט איין אויסנאהמע.—

א יונגער הערר. דאס איז דער שכור.

אסלאקסען. מיט איין אויסנאהמע — א שכור'ען — ערקלערט דיזער מיטינג דעם מעדיציניש ען בעאמטען פון די בעדער, דר. אטטא שטאקמאן, אלס פיינד פון פאלק. (גרויסער אפלאז.) דריי מאל הורראה פאר אונזער ווירדיגע אלטע געמיינדע. (אפלאז.) דריי מאל הורראה פאר אונזער פעהיגען און ענערגישען בירגער־מייסטער, וועלכער האט מיט אזא געטריישאפט אוועקגעלעגט אן א זייט די באנדען פון פאמיליע. (אפלאז.) דער מיטיניג איז געשלאסען. (ער געהט ארונטער.)

ביללינג. דריי מאל הורראה פאר דעם פארזיצענדען!

אללע. הורראה פאר דעם דרוקער אסלאקסען!

דר. שטאקמאן. מיין הוט און ראק, פעטרא! קאפי־טאן, האט איהר פלאץ פאר פאסאזשירען צו דער נייער וועלט?

האָרסטער. פאר אייך און אייערע וועלען מיר מאכען פלאץ.

דר. שטאקמאן (וועהרענד פעטרא העלפט איהם מיט זיין ראק.) גוט! קום, קאטערינע, קומט, יונגען! (ער דערלאנגט זיין פרוי זיין ארעם.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (אין אַ ניעדריגע שטימע) טהייערער אָטטאָ, לאָמיר ארויסגעהן דורך די הינטער־טיר!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. קיינע הינטער־טהירען, קאטערינע!
(אין אַ העכערען טאָן.) איהר זאָלט נאָך הערען פון דעם פאָלקספיינד, איידער ער טרייסעלט אב דעם שטויב פון זיינע פיס! איך פערגיב ניט אזוי גיך, ווי א געוויסע פערזאָן. איך זאָג ניט, איך פערגיב אייך, ווייל איהר ווייסט ניט, וואָס איהר טהוט.

א ס ל א ק ס ע ן. (שרייענדיג) דאָס איז א שענדליכער פערגלייך, דר. שטאָקמאַן!

ב י ל ל י נ ג. אָה, גאָט זאָל — א׳ן ערנסטער מענש קען עס ניט אויסהאַלטען.

א ג ר אָ ב ע ש ט י מ ע. און ער סטראַשעט נאָך אונז!

ב י י ז ע ש ט י מ ע ן. לאָמיר צוברעכען די פענסטער אין זיין הויז. לאָמיר איהם ווייזען!

א י י נ ע ר. בלאָז דעם האָרן, עוועַנסאָן! טאַ־ראַטאַ־ראַ־ראַ!

(פייפעריי און ווילדע געשרייען. דער דאָקטאָר מיט זיין פאַמיליע געהען צום טיר. האָרסטער מאַכט אַ וועג פאַר זיי.)

א ל ל ע. (שרייענדיג נאָך זיי, ווען זיי געהען ארויס.) פאָלקס־פיינד! פאָלקספיינד! פאָלקספיינד!

(די מענשען שפּאַרען זיך צום טיר. א טומעל הערט זיך דרויסען. מ׳ שרייט: פאָלקספיינד! פאָלקספיינד!)

פינפטער אַקט.

(דר. שטאָקמאַן'ס שטודיר־צימער. ביכער־פּאָליצעס און פערשידענע פלעשלאַך מעדיצין צווישען די ווענד. אין הינטערגרונד זעהט זיך אַ טיר, וואָס פיהרט צום פאָרצימער. אין דער וואַנד רעכטס זיינען דאָ צוויי פענסטער, די שויבען פון וועלכע זיינען אַלע צובראָכען. אין מיטען צימער שטעהט דער דאָקטאָר. אַ שרייב טיש בעדעקט מיט ביכער און פּאַפּיערען. דער צימער איז ניט אויפגעראמט. עס איז אין דער פריה. דר. שטאָקמאַן אין כאַלאַט, שטעק־שיך און יאַרמולקע, בויגט זיך אַרונטער און פּאָרקעט מיט אַ פּאַראַסאָל אונטער איינע פון די שאַפעס. ענדליך שאַרט ער ארויס אַ שטיין.)

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (ריידענדיג דורכ'ן טיר.) קאַטערינע, איך האָב געפונען נאָך איינעם.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (אין עס־צימער.) אָה, זיי זיכער, דו וועסט נאָך געפינען אַ סך.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (צולעגענדיג דיזען שטיין צו אַ הורבע אַנדערע, וואָס זיינען געלעגען אויפ'ן טיש) איך וועל האַלטען דיזע שטיינער אלס הייליגע עראינערונגען. פרעדעריק און וואַלטער זאָלען זיי זעהען יעדען טאָג, און ווען זיי וועלען אויפוואַקסען, וועלען זיי זיי ירש'ענען פון מיר. (שאַרענדיג אונטער דעם ביכער־שראַנק.) איז זי ניט — וואָס איז איהר נאָמען, צום טייפעל — איז זי ניט געגאַנגען נאָך דעם גלעזער?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (אריינקומענדיג) יאַ, אבער ער האָט געזאָגט, דאָס ער וויים ניט, אויב ער וועט קענען היינט קומען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דו וועסט זעהען, אז ער וועט ניט האָבען דעם מוטה צו קומען אהער.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאַ, רודינע האָט אויך אזוי געזאָגט, דאָס ער איז ניט געקומען צוליעב די שכנים. (ריידענדיג דורכ'ן טיר.)

וואס איז, רודינע? — גוט. (געהט און קומט גלייך צוריק.) אט איז א בריעף פאר דיר, אטטא!

ד ר. ש ט א ק מ א ן. לאמיר זעהן. (עפענט דעם בריעף און לייענט.) אה, הא!

מ ר ס. ש ט א ק מ א ן. פון וועמען איז עס?

ד ר. ש ט א ק מ א ן. פון דעם לענדלארד. ער לאזט אונז וויסען, אז מיר מוזען ציהען פון זיין הויז.

מ ר ס. ש ט א ק מ א ן. איז עס מעגליך? ער איז דאך אזא פיינער מענש!

ד ר. ש ט א ק מ א ן. (קוקענדיג אין בריעף) ער האט ניט דעם מוטה צו האנדלען אנדערש. ער וויל עס זעהר ניט טאן. אבער צוליעב זיינע מיטבירגער מוז ער עס. אוים אכטונג פאר די עפענט־ליכע מיינונג — ער איז אויך אבהענגיג — ער האט ניט דעם מוטה צו בעליידיגען געוויסע איינפלוסרייכע מענשען—

מ ר ס. ש ט א ק מ א ן. נו, אט קענסטו זעהען, אטטא.

ד ר. ש ט א ק מ א ן. יא, יא, איך זעה גוט גענוג. זיי זיינען פייגלינגע, איינער ווי דער אנדערער אין דיזער שטאדט. קיינער האט ניט דעם מוטה עטוואס צו טאן, אוים מורא פאר די אלע איבריגע. (טהוט אווארף דעם בריעף אויפ'ן טיש.) אבער דאס איז אונז אלץ איינס, קאטערינא, איצט, אז מיר פאהרען אוועק אין די נייע וועלט און אזוי—

מ ר ס ש ט א ק מ א ן. יא, אבער, אטטא, איז די אידעע פון אונזער אוועקפאהרען ווירקליך אזא גוטע?

ד ר. ש ט א ק מ א ן. וואלסט אפשר געוואלט, איך זאל פער־בלייבען דא, וואו זיי האבען מיך געשטעמפעלט אלס פאלקספיינד, האבען מיך געבראנדמארקט און צובראכען מיר די פענסטער אין פיץ־פיצלאך? און זעה נור, קאטערינא, זיי האבען געמאכט א לאך אין מיינע שווארצע הויזען.

מ ר ס. ש ט א ק מ א ן. אה, און דאס איז די בעסטע הויזען, וואס דו האסט!

ד ר. ש ט א ק מ א ן. איינער טאר ניט אנטאן זיינע

בעסטע הויזען, ווען ער געהט קעמפפען פאר פרייהייט. געווים ווייסטו דאָך, אז מיר ארט ניט זעהר פיעל פאר די הויזען; דו קענסט זיי אימער פערלאַטען. נור עס ערגערט מיר, אז דיזע פינסטערע מאַסע זאָל סמייען צו בעפאַלען מיר, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען מיין גלייכען — דאָס איז עס, וואָס איך קען בשום אופן ניט פערדייען.

מרס. שטאָקמאַן. יא, זיי זיינען געווען זעהר חוצפה׳דיג צו דיר, אָטטאָ! אָבער מוזען מיר צוליעב דעם פערלאָזען די לאַנד? דענקסטו ניט, אז דער פעבעל איז פונקט אזוי העזה׳דיג אין אַנ־דערע שטעדט, ווי דאָ?

דר. שטאָקמאַן. אָה, יא, מיין טייערע! זיי זיי־נען אזוי איבעראַל. נו, זאָלען די הינד בילען. אָבער דאָס איז ניט דאָס ערגסטע. דאָס ערגסטע איז, דאָס אַלע מענשען זיינען פּאַרטיי־שקלאַפען איבער דער גאַנצער וועלט. אויך איז עס ניט דאָס אַליין. מעגליך, אז אין דעם וויי̆טען וועסט איז ניט פיעל בעסער. אויך דאָרט געדייהט די קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט, די אויפגעקלעהרטע עפענטליכע מיינונג און דער גאַנצער איבריגער אונזין, אבער, פערשטעהסטו, דאָרט זיינען די פערהעלטניסע אויף אַ גרעסערען מאַסשטאַב, ווי דאָ. זיי קענען דיר דאָרט לינטשען, אבער זיי וועלען דיר ניט מאַרטערען. זיי טהוען ניט אַן די שרויף־מאַשינע אויף אַ פרייע נשמה, ווי זיי טהוען עס דאָ. און דאַן, אויב נויטיג, קען מען דאָרט לעבען גאַנץ בעזונדער. (געהט איבערן צימער הין און צוריק.) ווען איך וואָלט נור געוואוסט פון אַ ווילדען וואַלד אָדער פון עפּעס אַ׳ן אינזעל, וואָס מי קען קויפען ביליג—

מרס. שטאָקמאַן. יא, אבער די קינדער, אָטטאָ.

דר. שטאָקמאַן. (בלייבענדיג שטיל שטעהן.) וואָס פאר אַ מערקווירדיגע פרוי דו ביזט, קאַטערינע! וואָלסטו בעסער געוואָלט, אז אונזערע קינדער זאָלען אויפוואַקסען אין אזא געזעל־שאַפט, ווי אונזערע? נו, דו האָסט דאָך אַליין געזעהן, אז אַ העלפט פון די בעפעלקערונג איז כמעט ווי משוגע, און די אנדערע העלפט, אויב זי האָט נאָך ניט פערלאָרען איהר פערשטאַנד,

איז עס דערפאר, ווייל די הינד האָבען ניט געהאט וואָס צו פערלירען.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אבערווירקליך, טהייערער אָטטאָ, דו זאָגסט אַמאָל אזעלכע שרעקליכע חוצפה'דיגע זאכען!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. יא, אבער איז עס ניט די וואהר־הייט? דרעהען זיי ניט איבער אלעם מיט'ן קאָפּ אראָב? מישען זיי דען ניט צוזאמען רעכט און אונרעכט אין איין קאשע? האלטען זיי דען ניט פאר ליגען דאָס, וואָס איך וויים, איז די וואהרהייט? אבער די פעררוקטעסטע זאך פון אלץ איז, דאָס עס זיינען דאָ פיעל מענשען, ליבעראלען, וועלכע געהען ארום און רעדען איין זיך און אנדערע, דאָס זיי זיינען פריי. האָסטו אמאָל געהערט אזא זאך, קאַטערינע?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. יא, יא, דאָס איז ווירקליך גאנץ ווילד, אָבער — (פּעטרא קומט אריין.) שוין אזוי גיך פון שול?

פּ ע ט ר א. יא, מי האָט מיר ענטזאגט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. ענטזאָגט?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דיר אויך?

פּ ע ט ר א. מאדאם באסק האָט מיר געגעבען א בעשטימטע צייט, צו פערלאָזען די שול. האָב איך שוין בעסער געטראכט, אז עס איז גלייכער שוין צו געהן.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. כלעבען, דו האסט געטאָן רעכט.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטען, אז מאדאם באסק זאָל זיין אזא שלעכטע פרוי!

פּ ע ט ר א. אָה, מוטער, מאדאם באסק איז ווירקליך גאָר ניט אזוי שלעכט. איך האָב גאנץ גוט געזעהן, ווי דאָס טהוט איהר וועה, אבער זי האָט ניט געהאט דעם מוטה צו האנדלען אנדערש. און אָט בין איך אָהן א שטעלע.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (לאכענדיג און רייבענדיג די הענד.) זי האָט ניט געהאט דעם מוטה צו האנדלען אנדערש, זי אויך? אה, דאָס איז פּראכטפאָל!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. נו, נאָך דעם שרעקליכען טומעל פון לעצטע נאַכט—

פ ע ט ר א. עס איז ניט געווען דאָס אליין. נון, דו זאָלסט עס הערען, פאטער.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. נו?

פ ע ט ר א. מאדאם באָסק האָט מיר געוויזען היינט ניט ווענינער ווי דריי בריעף, וועלכע זי האָט ערהאַלטען היינט פריה.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אודאי אונטערגעשריעבען מיט אויס־געטראַכטע נעמען?

פ ע ט ר א. יא.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. זיי האָבען דעם מוטה ניט געהאט צו געבען זייערע נעמען, קאטערינע—

פ ע ט ר א. און צוויי פון זיי האָבען געשריעבען, דאָס א הערר וואָס בעזוכט אונזער הויז, האָט נעכטען ביינאַכט געזאָגט אין קלוב, דאָס איך האָב זעהר פאָרטגעשריטענע מיינונגען איבער פערשידענע זאַכען.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אָה, געוויס האָסטו עס ניט אָבגעלייקענט?

פ ע ט ר א. געוויס ניט. דו ווייסט דאָך, מאדאם באָסק אליין האָט גאַנץ שטאַרק־פאָרטגעשריטענע מיינונגען, ווען מיר זיינען אליין צוזאַמען, אבער איצט, אַז מי האָט זיך עס דערוואוסט וועגען מיר, האָט זי ניט דעם מוטה מיר ווייטער אָנצוהאַלטען, אלס לעהרערין.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. און צו דענקען, אַז דאָס איז געווען איינער, וואָס פלעגט קומען צו אונז! נו, אָט זעהסטו, אָטטאָ, וואָס קומט ארויס פון דיין גאַסט־פריינדשאַפט!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. מיר וועלען שוין ניט מעהר לעבען צווישען אזא פעסט. פאַק איין די זאַכען, אזוי שנעל, ווי דו קענסט, קאַטערינע, און לאָמיר אוועק פון דאנען! וואָס שנעלער, דאָס בעסער.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. שאַ! מיר דוכט זיך, אימיצער געהט. טהו נור א קוק, פעטרא.

פ ע ט ר א. (עפנענדיג די טיר.) אָה, דאָס זיינט איהר, קאַפּיטאַן האָרסטער? ביטע, קומט אריין!

ה אָ ר ס ט ע ר. אַ גוטען מאָרגען. איך האָב געטראַכט, איך מוז אריינגעהן און זעהען, וואָס איהר מאַכט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (האַלטענדיג אויסגעשטרעקט צו איהם זיין האַנד.) איך דאַנק אייך. דאָס איז ווירקליך שעהן פון אייך.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. און מיר דאַנקען אייך, וואָס איהר האָט אונז אוועקגעפיהרט אהיים, קאַפּיטאַן האָרסטער.

פּ ע ט ר אַ. אבער ווי איז אייך געוועזן ביין צוריקגעהן?

ה אָ ר ס ט ע ר. אָה, דאָס איז געוועזן גאָר ניט. איהר ווייסט דאָך, איך בין גאַנץ שטאַרק, און דער בייללען פון דיזע מענשען איז ערגער, ווי זייער ביס.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איז עס ניט וואונדערבאר זייער חזיר׳שע פּייגהייט! קומט אהער, איך וויל אייך עפּעס ווייזען. זעהט, אָט דאָס זיינען די אַלע שטיינער, וואָס זיי האָבען דאַ אריינגעוואָרפען. טהוט נור אַ קוק אויף זיי! אויף מיין וואָרט, דאָ זיינען ניטאָ מעהר ווי צוויי אנשטענדיגע שטיינער אין דער גאַנצער הורבע. די איבריגע זיינען ניט מעהר ווי זאַנד־שטיינדלאך — טאַקי גאָר ניט. און דאָך זיינען זיי געשטאַנען דאָרט אונטען און געשריען און געשוואָרען, אז זיי וועלען מיך הרג׳ענען. איהר זעהט, אַז עס קומט עפּעס צו טאָן, איז זעהר ווייניג דאָ אין דיזער שטאָדט.

ה אָ ר ס ט ע ר. נו, דעם מאָל איז עס געראָדע אַ טובה געוועזן פאַר אייך, דאָקטאָר.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. געוויס איז עס געוועזן, אָבער דאָך איז עס אַ פערדראָסיגע מעשה, ווייל זאָל אַ מאָל קומען צו אַ׳ן ערנסטען, וויכטיגען קאַמפּף, וועט איהר זעהען, קאַפּיטאַן האָרסטער, אז די עפענטליכע מיינונג וועט מאַכען אַ ויברח, און די קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט וועט לויפען צום ים צו, ווי אַ סטאַדע חזירים. אָט דאָס איז עס, וואָס איז אזוי טרויעריג. עס נעהמט מיך אָן ביים סאַמע האַרצען. ניין, דער טייפעל זאָל עס נעהמען, אין גרונד, איז דאָס אַלעס נאַרישקייטען. זיי האָבען געזאָגט, אז איך בין אַ פאָלקס־פיינד, גוט אַלזאָ, אַ פאָלקספיינד וועל איך זיין.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. דאָס וועסטו קיינמאָל ניט זיין, אַטטאַ!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דו זאָלסט זיך ניט שעווערען, קאַטערינע. אַ שלעכטער נאָמען ארבייט ווי דער שטאָך פון אַ שפּילקע אין די לונגען. און דיזער פערדאמטער וואָרט, איך קען איהם ניט לויז ווערען, דאָ ליעגט ער און צופּט און נאָגט, און זויגט עפּעס, ווי אַ מין עסיד. און מאַגנעזיע איז פאר דעם ניט קיין גוטער מיטעל.

פּ ע ט ר אַ. פּש! דו האָסט בעדאַרפט זיך אויסלאַכען פון זיי, פאטער!

ה אָ ר ס ט ע ר. די מענשען וועלען זיך נאָך אַנדערש איבער־דענקען.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, דו מעגסט זיכער זיין אין דעם, אזוי זיכער, ווי דו שטעהסט דאָ.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, אפשר ווען עס וועט שוין זיין צו שפּעט. נו, פיעל גוטעס מעג עס זיי דאַן טהון. זאָלען זיי זיך דערווייל וואַלגערען אין שמוץ, און חרטה קריגען נאכהער, דאָס זיי האָבען ארויס געטריעבען אַ פּאַטריאָט צו זיין נע ונד. ווען פּאָהרט איהר, קאַפּיטאַן האָרסטער?

ה אָ ר ס ט ע ר. הם! וועגען דעם בין איך טאַקיווירקליך געקומען צו רעדען מיט אייך.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. האָט עפּעס פּאַסירט מיט'ן שיף?

ה אָ ר ס ט ע ר. ניין. עס איז אָבער אָט וואָס, איך פאָר ניט מיט דעם שיף.

פּ ע ט ר אַ. זיכער, מי האָט דאָך אייך ניט ענטזאָגט?

ה אָ ר ס ט ע ר. (שמייכלענדיג). יא, דאָס איז עס.

פּ ע ט ר אַ. אייך אויך!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָט זעהסטו, אַטטאַ!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און פאר וואָס? פאר די וואהרהייט! אָה, ווען איך וואָלט עס פאַראויסגעזעהען!

ה אָ ר ס ט ע ר. איהר דאַרפט זיך עס ניט נעהמען צום האַר־צען. איך וועל באַלד קריגען אַ שטעלע ביי אַ'ן אַנדער קאָמפּאַניע.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. און דיזער קויפמאַן וויק! אזא רייכער מאַן, אונאבהענגיג, גוטער גאָט!

ה אָ ר ס ט ע ר. אין אנדערע זאכען איז ער א גאנץ אנשטענ־דיגער מאַן, און ער זאָגט אַליין, אז ער וואָלט מיר אודאי געהאלטען, ווען ער וואָלט נור געהאט דעם מוטה.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אבער ער האָט ניט געהאט דעם מוטה — דאָס פערשטעהט זיך אַליין.

ה אָ ר ס ט ע ר. עס איז ניט לייכט, האָט ער מיר געזאָגט, ווען מי געהערט צו א פּאַרטיי—

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דאָס האָט ער געזאָגט גאנץ ריכטיג, דער עהרווירדיגער מאַן. א פּארטיי איז ווי א וואורשט־מאשין. זי מאָלט צונויף אַלעם צוזאמען אין איין קאשע. און דערפאר זיינען אזוי פיעל דומקעפּ אַלע צוזאמען.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. נו, אָטטאָ, ווירקליך—

פּ ע ט ר א. ווען איהר וואָלט אונז נור ניט אָבגעפיהרט א היים, אפשר וואָלט גאָר ניט געקומען דערצו.

ה אָ ר ס ט ע ר. איך האָב אויף דעם קיין חרטה ניט.

פּ ע ט ר א. (אויסשטרעקענדיג צו איהם איהר האַנד.) איך דאַנק אייך דערפאר.

ה אָ ר ס ט ע ר. (צו דר. שטאָקמאַן.) און דאָס וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגען, איז אָט וואָס. אויב איהר ווילט ווירקליך אוועקפאָהרען, איז דאָ אנאנדער וועג.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. שש! איז עס ניט א קלאַפּ?

פּ ע ט ר א. איך בין זיכער, אז דאָס איז דער אָנקעל.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אהא! (ער רופט) אריין!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. טהייערער אָטטאָ, נון, זאָג מיר צו איינמאָל—

(דער בירגערמייסטער קומט אריין דורכ'ן פאָרצימער.)

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. (שטעהענדיג אין טיר.) אה, דו ביזט בעשעפטיגט! דאן וועל איך בעסער—

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. ניין, ניין, קום אריין!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אָבער איך האָב געוואָלט מיט דיר אַליין רעדען.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. מיר וועלען אריינגעהן אין צווייטען צימער.

ה אָ ר ס ט ע ר. און איך וועל באלד נאָך אמאָל אריינבליקען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. ניין, ניין, געהט מיט זיי, קאַפּיטאַן האָרסטער, איך מוז הערען פון אייך מעהר וועגען דעם—

ה אָ ר ס ט ע ר. גוט אַלזאָ, איך וועל וואַרטען.

(ער פאָלגט נאָך מרס. שטאָקמאַן און פּעטרא. דער בירגערמייסטער זאָגט גאָר ניט, אבער וואַרפט בליקען אויף די פענסטער.)

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אפשר געפינסטו, אז דאָ איז א שטיקעלע צוג־ווינד? קענסטו אָנטהאָן דיין היטעל.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איך דאנק דיר, אויב איך מעג (טהוט אָן זיין הוט.) איך רעכען, איך האָב זיך נעכטען ביינאכט צוגעקיהלט. איך בין געשטאַנען דאָרט און האָב געציטערט—

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. ווירקליך. אבי איך האָב געמיינט, אז דאָרט איז געווען גאַנץ וואַרימלעך.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. עס פערדריסט מיר, דאָס עס איז ניט געווען אין מיין כח צו אונטערדריקען די ווילדהייטען פון לעצטער נאַכט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. האָסטו מיר מעהר ניט וואָס צו זאָגען?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. (ארויסנעהמענדיג א גרויסען בריעף.) איך האָב דיזען דאָקומענט פאר דיר פון די דירעקטאָרען פון די בעדער.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך בין ענטזאגט?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא, פון היינט אָן. (לייגט אוועק דעם בריעף.) עס טהוט אונז זעהר לייד. אבער, אָפענהערציג גערעדט, האָבען מיר ניט געהאט דעם מוטה צו האנדלען אנטקעגען דער עפענטליכער מיינונג.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. ניט געהאט דעם מוטה? איך האָב שוין היינט געהערט דיזע ווערטער.

בירגערמייסטער. איך בעט דיר צו פערשטעהן די לאגע קלאר. דו מוזט אין דער צוקונפט ניט רעכנען אויף קיין פּראקטיקע דאָ.

דר. שטאָקמאַן. דער טייפעל זאָל נעהמען די פּראַק־טיקע. אבער ביזטו עס זיכער?

בירגערמייסטער. דער הויז־אייגענטהימער פער־באַנד שיקט פערנאַנדער א צירקולאר פון הויז צו הויז, אין וועלכען אַלע גוטע בירגער ווערען אויפגעפאָרדערט ניט צו בעשעפטיגען דיר, און איך וועט, דאָס ניט איין איינציגער פאמיליען־פאטער וועט זיך ענטזאגען צו געבען אויף דעם זיין אונטערשריפט. ער וועט איינפאך ניט האָבען דעם מוטה.

דר. שטאָקמאַן. יא. איך צווייפעל ניט אין דעם. נו, איז וואָס אלזאָ?

בירגערמייסטער. ווען איך וואָלט דיר געקענט געבען א שטיקעל עצה, וואָלט עס געווען, אוועקצופאָהרען פון דאנען אויף א ווייל.

דר. שטאָקמאַן. יא, איך האָב אליין שוין געטראַכט פון פערלאָזען דיזען פּלאַץ.

בירגערמייסטער. גוט, ווען דו וועסט עס טהאָן און דאַן זיך האָבען איבערלעגט פּאר א מאָנאטען זעקס, דאן קענסטו נאָך א רייפליכער איבערלעגונג ביי זיך אָבמאַכען אנצוערקענען דיין פעהלער אין איניגע ווערטער פון ענטשולדיגונג—

דר. שטאָקמאַן. און איך קען נאָך צוריקקריגען מיין שטעלע, רעכענסטו?

בירגערמייסטער. אפשר. עס איז ניט אבסאָלוט אונמעגליך.

דר. שטאָקמאַן. יא, אבער וואָס מכח די עפענטליכע מיינונג? דו האָסט דאָך איצט ניט דעם מוטה צוליעב דער עפענט־ליכער מיינונג?

בירגערמייסטער. מיינונגען בייטען זיך זעהר שטארק

און, צו רעדען גאנץ אָפען, עס איז פאר אונז זעהר וויכטיג צו האָבען פון דיר אזא ערקלערונג.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דאָס וועסטו קיינמאָל ניט דער־לעבען! דו גערענקסט דאָך, וואָס איך האָב דיר נאָך דאן געזאָגט!

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. צו יענער צייט איז דיין לאַגע געווען א ניט דער ערך גינסטיגערע. צו יענער צייט האָסטו געמעגט רעכענען, אז די גאנצע שטאָדט איז הינטער דיין רוקען—

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. יא, און איצט פיהל איך, אז איך האָב די גאַנצע שטאָדט אויף מיין רוקען. (אויפפלאַמענדיג.) אבער ניין, אפילו ווען איך וואָלט געהאט דעם טייפעל מיט זיין באָבען אויף מיין רוקען — קיינמאָל — קיינמאָל, זאָג איך דיר! הערסט?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. דער פאטער פון א פאמיליע טאָר ניט האנדלען אזוי ווי דו טהוסט עס. דו טאָרסט ניט, אָטטאָ!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. איך טאָר ניט? אָבער עס איז דאָ נור איין זאך, וואָס א פרייער מענש טאָר ניט טהון, און ווייסטו וואָס דאָס איז?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. ניין.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. געוויס ניט. אבער איך וועל דיר זאָגען. א פרייער מענש טאָר ניט האנדלען, ווי א לומפּ. ער טאָר ניט האנדלען אזוי, דאָס ער זאָל דארפען זיך שפּייען אין זיין אייגענעם פּנים.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. דאָס, נאַטירליך, קלינגט גאַנץ פער־שטענדליך, און ווען עס וואָלט ניט געווען קיין אנדער ערקלערונג פאר דיין איינגעשפּארטקייט— אבער מיר ווייסען גוט גענוג, אז—

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. וואָס מיינסטו דערמיט?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איך בין זיכער, אז דו פער־שטעהסט. אבער, אלס דיינער א ברודער, און אלס א מענש פון געזונדען פערשטאנד, גיב איך דיר דיזען ראטה. בוי ניט צופיעל אויף אויסזיכטען און ערוואַרטונגען, וועלכע קענען זיך ענדיגען מיט גאָרניט.

ד ר. שטאָקמאַן. אבער וואָס, צום טייפעל, מיינסטו מיט דעם אַלעם?

בירגערמייסטער. ווילסטו מיר ווירקליך מאַכען גלויבען, אז דו ווייסט ניט פון דער צוואה, וואָס מאָרטען קיל האָט געמאַכט?

ד ר. שטאָקמאַן. איך ווייס, אז דאָס ביסעלע, וואָס ער האָט, וועט געהן פאַר א היים פון אונגליקליכע ארבייטער. אבער וואָס האָט עס מיט מיר צו טאָן?

בירגערמייסטער. ערשטענס, איז דאָס ניט אביסעלע, פון וואָס מיר רעדען. מאָרטען קיל איז א רייכער מאַן.

ד ר. שטאָקמאַן. איך האָב עס קיינמאָל ניט געוואוסט.

בירגערמייסטער. הם! ווירקליך! דאַן האָסטו אויך קיין אידעע ניט געהאַט, אז א היבשען טהייל פון זיין פערמעגען האָט ער בעשלאָסען פאַר דיינע קינדער, און דאָס דו און דיין פרוי זאָלען האָבען די פּראָצענטען דערפון דיין גאנצען לעבען. האָט ער עס דיר ניט געזאָגט?

ד ר. שטאָקמאַן. ניין, איך שווער דיר. אומגעקעהרט, ער פלעגט אימער גראַמבלען, ווייל מי מאַכט איהם בעצאָהלען אזוי פיעל טעקסעס. אבער, פּעטער, ביזטו ווירקליך זיכער מיט דעם?

בירגערמייסטער. איך ווייס עס פון א גאַנץ זיכערער קוועלע.

ד ר. שטאָקמאַן. אבער, גוטער גאָט, אויב אזוי, איז דאָך קאַטערינע פערזאָרגט, און די קינדער אויך! אָה, איך מוז עס איהר זאָגען — (רופט.) קעטרין, קעטרין!

בירגערמייסטער. (צוריקהאַלטענדיג איהם.) שש! זאָג גאָר ניט צו איהר וועגן דעם.

מרס. שטאָקמאַן. (עפּענענדיג די טיר.) וואָס איז עס?

ד ר. שטאָקמאַן. גאָרניט, מיין טהייערע, געה ווידער אריין. (מרס. שטאָקמאַן מאַכט צו די טיר. ער שפּרייזט איבערן צימער הין און צוריק.) אַלזאָ פערזאָרגט! דענק נור פון דעם! און דאָס נאָך פאַר'ן גאנצען לעבען. נאָך אַלעמען, איז עס א'ן אנגענעהמער

געפיהל צו פיהלען זיך זיכער.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. יא, אבער עס איז ניט אזוי זיכער. מאַרטען קיל קען נאָך איבערמאַכען זיין צוואה יעדען טאָג, אָדער יעדע שטונדע, ווען ער וויל נור.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אבער ער וועט עס ניט טאָן, מיין גוטער פעטער. דער „פוקס“ איז העכסט צופרידען, וואָס איך האָב דיר און דיינע פריינד אטאַקירט.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. (בלייבט שטעהן און קוקט מיט פאַר־שענדע בליקען אויף איהם.) אהא! דאָס פערשפּרייט גאָר א נייע ליכט אויף פיעלע זאַכען!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. וועלכע זאַכען?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. אַלזאָ, דיין גאַנצע אטאַקע איז בלויז געוועזן א קונציגע מאַנעוורע פאַר געשעפט? דיזע געוואַל־טיגע און שטענדיגע אטאַקע וואָס דו האָסט געגען אונז געשליידערט אין דעם נאָמען פון וואַרהייט, איז געוועזן בלויז —

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. וואָס? וואָס? וואָס?

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. א בעלוינונג צו דעם אַלטען מאַרטען קיל, פאר זיין גוטע צוואה.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (פערלירענדיג אויף א וויילע די קראַפט אויסצורעדען א וואָרט.) פעטער— דו ביזט דער העסליכסטער פּראָסטאַק, וואָס איך האָב א מאָל בעגעגענט אין מיין לעבען.

ב י ר ג ע ר מ י י ס ט ע ר. איצט איז אַלעס פאַרביי צווישען אונז. דו קענסט איצט שוין קיינמאָל ניט צוריקקריגען דיין שטעלע. ווייל איצט האָבען מיר א וואַפע געגען דיר. (ער געהט ארויס.)

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. שאַנדע! שאַנדע! (רופט.) קעטרין, די פּאָדלאָגע זאָל מיר אויסגעשייערט ווערען נאָך איהם. הייס איהר— ווי הייסט זי דאָרט— קומען מיט א קרוג וואַסער.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. שש, שש, אַטטאָ!

פּ ע ט ר א. (שטעהענדיג אין טיר.) פאַטער, דאָ איז דער זיידע, און ער וויל וויסען, אויב ער קען רעדען מיט דיר אַליין.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאָ, געוויס קען ער. קומט אריין, שווער. (מאַרטען קיל געהט אַריין.)

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (פערשליסט די טיר הינטער איהם.) נו, וואָס איז? זעצט אייך!

מ אַ ר ט ע ן ק י ל ל. איך וועל זיך ניט אװעקזעצען. (ארומ־קוקענדיג זיך.) דו זעהסט אוים זעהר לוסטיג היינט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יאָ, ניין אפשר?

מ אַ ר ט ע ן ק י ל ל. געוויס, און דו האָסט אויך גענוג פרישע לופט. איך זאָל מיינען, אז דו האָסט גענוג פון יענעם זויערשטאָף, פון וועלכען דו האָסט אזוי פיעל געפּלוידערט. דו מוזט האָבען א שרעקליך גוטען געוויסען היינט, זאָל איך מיינען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. געוויס האָב איך.

מ אַ ר ט ע ן ק י ל. איך זאָל מיר אזוי דענקען. (שלאָגענדיג זיך אויפ׳ן האַרצען.) אבער ווייסטו, וואָס איך האָב דאָ?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך וויל האָפען אויך אַ גוטען געוויסען.

מ אַ ר ט ע ן ק י ל. פּשאַ! ניין, עפּוואָס, וואָס איז פיעל בעסער, ווי דאָס! (ער נעמט אַרוים אַ גרויסען טייסטער, עפענט איהם, און צייגט אַ מאַסע פּאַפּיערען.)

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (קוקענדיג אויף איהם ערשטוינט.) אַקציעס פון די בעדער?

מ אַ ר ט ע ן ק י ל. עס איז ניט געווען שווער זיי צו קריגען היינט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און איהר האָט דאָס אַלעס אבגעקויפט?

מ אַ ר ט ע ן ק י ל. וויפיעל געלד איך האָב נור געהאַט צו בעצאָהלען פאַר זיי.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אבער, מיין טהייערער שווער, גראדע איצט, ווען די בעדער זיינען אזוי שלעכט אָב?

מ אַ ר ט ע ן ק י ל. אויב דו וועסט זיין אַ קלוגער, קענסטו די בעדער וויעדער אויפריכטען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן יאָ, איהר האָט דאָך געזעהן, אז איך

האָב געטאָן אַלעס, וואָס איך האָב נור געקאָנט. אבער די מענשען אין דיזער שטאָדט זיינען משוגע.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. דו האָסט נעכטען געזאָגט, אז דער ערגסטער פעסט קומט פון מיין גאַרבאַרניע. נון, אויב דאָס איז ווירקליך אמת, דאַן האָבען מיין זיידע און מיין טאַטע און איך אַליין אַלע דיזע יאהרען פערפּעסטעט די גאַנצע שטאָדט. דענקסטו אז איך וועל לאָזען אַזאַ פלעק זאָל בלייבען אויף מיר?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. צום אונגליק קענט איהר יעצט גאָר ניט העלפען.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. ניין, איך שטעה פאַר מיין גוטען נאָמען און מיינע רעכטע. איך האָב געהערט, אז מענשען רופען מיך דער פוקס. נו, דער פוקס איז א חזיר'שער סאָרט חיה, אבער זיי זאָלען דאָס קיינמאָל ניט קענען זאָגען וועגען מיר. איך וועל לעבען און שטאַרבען א ריינער מענש.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אבער ווי ווילט איהר עס אויספיהרען?

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. דו זאָלסט מיר ריין מאַכען, שטאָקמאַן!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך?

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. ווייסטו, מיט וועלכען געלד איך האָב געקויפט דיזע אקציעס? ניין, דו קענסט ניט וויסען, אבער איצט וועל איך עס דיר זאָגען. דאָס איז דאָס געלד, וואָס קעטרין און פעטרא און די קליינע וועלען האָבען נאָך מיר. ווייל, ווי דו זעהסט, האָב איך דאָס גאַנצע געלד, וואָס איך האָב געהאַט, אריינ־געלעגט אין דיזע אקציעס, צו זייער בעסטען פאָרטהייל.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (ווערענדיג אָנגעצונדען.) און איהר האָט אויף אַזאַ אופן איבערגעפיהרט קעטרינס געלד!

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. אָה, יאַ, מיין גאַנצעס געלד האָב איך אריינגעטאָן אין די בעדער. און איצט וועל איך זעהען, אויב דו ביזט טאַקי אַזוי משוגע. און איצט, ווען דו וועסט לאָזען פליסען דעם שמוץ פון מיין גאַרבאַרניע, איז עס פונקט ווי דו וואָלסט געריסען קאַטרינעס לייב מיט אַ קנוטע, און אויך פעטרא און אויך די קליינע קינדער. אבער קיין אַנשטענדיגער פאַטער פון אַ פאַמיליע

וועט עס קיינמאָל ניט טהאָן, סיידען ער זאָל זיין ווירקליך משוגע׳

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (שפרייזענדיג הין און צוריק.) יא, אבער איך בין משוגע. דאָס בין איך!

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. אבער איך רעבֿן, אז דו ביזט ניט אזוי משוגע, ווען עס האַנדעלט זיך אום דיין פרוי און קינדער.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (שטעלענדיג זיך זיין שווער אנטקעגען.) וואָרום האָט איהר צו מיר ניט גערעדט, איידער איהר זיינט געגאַנגען און געקויפט די אלע שמאָטעס?

מ אָ ר ט אָ ן ק י ל. וואָס איז שוין געטאָן געוואָרען, איז פערפאלען.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. ווען איך וואָלט נור ניט אזוי זיכער געווען! אבער איך בין פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז איך בין גערעכט!

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. (וועגענדיג דעם טייסטער אין זיין האַנד.) אויב דו בלייבסט ביי דיין משוגעת, וועט דאָס אלעס ניט פיעל ווערטה זיין. (לעגט אריין דעם טייסטער אין קעשענע.)

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. אבער, צום טייפעל, זיכער וועט דאָך די וויסענשאפט קענען געפינען עפּעס א רפואה, א וועלכען־עס־איז געגענגיפט.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. דו מיינסט עטוואָס, וואָס זאָל טוידטען די חיה׳לעך?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. יא, אָדער וועניגסטענס אזעלכעס, וואָס זאָל זיי מאַכען ניט געפעהרליך.

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. קענסטו ניט פּרובירען מייז־גיפט?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. טוש! טוש! אבער אלע זאָגען, אז עס איז ניט מעהר ווי א׳ן אויסגעטראכטע זאַך. זאָלען זיי אלזאָ האָבען, ווי זיי ווילען. האָבען דען ניט די אונוויסענדע הינד ערקלערט מיר, אלס א פאָלקספיינד? און האָבען זיי ניט פּרובירט צו צורייסען די קליידער אויף מיר?

מ אָ ר ט ע ן ק י ל. און זיי האָבען אויך צובראָכען אלע שויבען אין דיינע פענסטער.

ד ר. ש ט ָא ק מ א ן. און דאן איז דאָך איינעמס ערשטע פליכט צו זיין פאמיליע. איך מוז וועגען דעם איבעררעדען מיט קאטערינא. זי איז אזוי שטרענג אין אזעלכע זאכען.

מ ָא ר ט ע ן ק י ל. דאָס איז ריכטיג. דו פאָלג נור די עצה פון א פערנינפטיגע פרוי.

ד ר. ש ט ָא ק מ א ן. (געהענדיג צו איהם מיט כעס.) אָה, ווי האָט איהר געקענט האנדלען אזוי געמיין? שפעקולירען מיט קאטערינעס געלד, און ברענגען מיר אין אזא שרעקליכע שמערצליכע לאַגע. איך זאָג אייך, דאָס ווען איך טהו א קוק אויף אייך, דוכט זיך מיר, אז איך זעה דעם טייפעל—

מ ָא ר ט ע ן ק י ל. איך וועל אלזאָ איצט בעסער אוועק־געהן. דו מוזט מיר לאָזען וויסען דיין בעשלוס ביז ארום צוויי. אויב ניין, גיב איך אוועק אלע אקציעס אויף צדקה, און דאָס נאָך טאקי היינט.

ד ר. ש ט ָא ק מ א ן. און וואָס וועט קאטערינע קריגען?

מ ָא ר ט ע ן ק י ל. ניט א פרוטה. (די טיר פון פאָרצימער עפענט זיך. האווסטאד און אסלאקסען זעהען זיך פון דרויסען.) זעהסטו די צוויי דאָרט?

ד ר. ש ט ָא ק מ א ן. (קוקענדיג אויף זיי מיט ווייט־אָפענע אויגען.) וואָס! און דיזע האָבען ווירקליך דעם קופערנעם שטערן צו קומען אהער!

ה א ו ו ס ט א ד. נו, געווים האָבען מיר.

א ס ל א ק ס ע ן. איהר פערשטעהט, עס איז עטוואָס, וועגען וואָס מיר ווילען מיט אייך רעדען.

מ ָא ר ט ע ן ק י ל. יא אָדער ניין— ארום צוויי א זייגער!

א ס ל א ק ס ע ן. (מיט א בליק אויף האווסטאד. אהאָ!

(מאָרטען קיל פערלאָזט דאָס צימער.)

ד ר. ש ט ָא ק מ א ן. נו, וואָס ווילט איהר. זייט קורץ.

ה א ו ו ס ט א ד. איך קען זעהר גוט פערשטעהן, דאָס איהר זיינט אין כעס פאר אונזער אויפפיהרונג ביי דער פערזאמלונג פון נעכטען—

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. און דאָס רופט איהר אויפפיהרונג?
יא, א שעהנע אויפפיהרונג איז דאָס געוועזן! איך רוף עס א שאנדע!

ה א ו ו ס ט א ד. רופט עס, ווי איהר ווילט, אבער מיר האָבען אנדערש ניט געקאנט.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איהר האָט דעם מוטה ניט געהאט, רעכען איך! איז עס ניט אַזוי?

ה א ו ו ס ט א ד. יא, אויב איהר ווילט אַזוי.

א ס ל א ק ס ע ן. אבער ווארום האָט איהר אונז ניט געגעבען אָנצוהערען מיט איין וואָרט כאָטש? נור א וואונק צו האוופטאד אָדער צו מיר.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. א וואונק? וועגען וואָס?

א ס ל א ק ס ע ן. וועגען דעם סאַמע עיקר פון דיזער אטאַקע.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך הייב אייך ניט אָן צו פערשטעהן.

א ס ל א ק ס ע ן. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַזוי פאַמיליאַרנע.) אָה, יא, איהר ווייסט, דר. שטאָקמאַן.

ה א ו ו ס ט א ד. וואָס איז די פּעולה דאָס לענגער צו פערבאהאלטען?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (קוקענדיג פון איינעם אויף'ן צווייטען.) יא, אבער אין דעם טייפעלס אייגענעם נאָמען—

א ס ל א ק ס ע ן. מעג איך פרעגען— געהט ניט אייער שוועהר איבער'ן שטאָדט און קויפט ער ניט אויף אלע אקציעס פון די בעדער?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, ער האָט היינט געקויפט אקציעס, אבער—

א ס ל א ק ס ע ן. עס וואָלט געווען קליגער, ווען איהר וואָלט אונטערגעשטעלט אימיצען אנדערש דאָס צו טאָן— איינעם, וואָס איז ניט אַזוי נאָהענט צו אייך.

ה א ו ו ס ט א ד. און דאַן האָט איהר ניט בעדאַרפט ארויס־טרעטען אונטער אייער נאָמען. קיינער האָט ניט בעדאַרפט וויסען,

אַז דיזע אַטאַקע אויף די בעדער איז געקומען פון אייך. איהר האָט זיך בעדאַרפט פערטרויען צו מיר, דר. שטאָקמאַן.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (ער איז ווי פערשטיינערט. איהם דוכט זיך, אַזוי ווי אַ דונער וואָלט איהם געטראָפען.) זיינען אַזעלכע זאַכען מעגליך? קענען פאָרקומען אַזעלכע זאַכען?

ה א ו ו ס ט א ד. (שמייכלענדיג.) נו, מיר האָבען דאָך געזעהן מיט אונזערע אייגענע אויגען, אַז עס קען. אבער דאָס אַלעס האָט געדאַרפט געטאָן ווערען מיט מעהר טאַקט, און דאַן האָט איהר צו זיך בעדאַרפט האָבען נאָך אייניגע אין דעם. ווייל איהר ווייסט דאָך, די פעראַנטוואָרטליכקייט איז קלענער פאַר דעם איינצעלנעם, ווען זי ווערט געטהיילט פון מאַנכע אַנדערע.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (רוהיג) אַלזאָ, קורץ, וואָס ווילט איהר, מיינע העררען?

א ס ל א ק ס ע ן. הערר האוסטאַד וועט אַם בעסטען—

ה א ו ו ס ט א ד. ניין, איהר ערקלערט, אסלאַקסען.

א ס ל א ק ס ע ן. אַלזאָ, איז אָט וואָס. מיר ווייסען איצט, ווי די גאַנצע זאַך שטעהט, און מיר גלויבען אַז מיר וועלען קענען איצט שטעלען דעם „פאָלקסבאָטע" צו אייער ווילען, צו טאָן מיט איהם, ווי איהר וועט אַליין האַלטען פאַר נויטיג.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. איהר האָט דעם מוטה דאָס איצט צו טהאָן? אבער ווי מכח דער עפענטליכער מיינונג? האָט איהר ניט מורא, דאָס אַ שטורם זאָל אויסברעכען געגען אונז?

ה א ו ו ס ט א ד. מיר מוזען זעהן בייקומען דעם שטורם.

א ס ל א ק ס ע ן. און דער דאָקטאָר דאַרף זעהן ערקלערען מיט טאַקט זיין אויסדרעהען זיך. אַזוי שנעל, ווי אייער אַטאַקע האָט געטאָן איהר ווירקונג—

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אַזוי שנעל, ווי מיין שווער און איך האָבען געקויפט די שערס פון די בעדער, מיינט איהר?

ה א ו ו ס ט א ד. קיין צווייפעל, אַז פריהער פון אַלץ זיינען עס געווען די וויסענשאַפטליכע גרינדע, וואָס האָבען אייך געצוואונ־גען איבערצונעהמען די דירעקציאָן איבער די בעדער.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נאַטירליך. דאָס איז געווען צוליעב וויסענשאַפטליכע גרינדע, וואָס איך האָב געמאַכט דעם פוקס געהן און אָבקויפען די שערס. און דאן וועלען מיר ווי־עס־איז צופיקסען די וואסער־לייטונג, א גראָב טהאָן א ביסעל ביין ברעג, אז עס זאָל ניט קאָסטען קיין האלבע קראָנע. דענקט איהר ניט, אז דאָס קען געמאַכט ווערען? האַ?

ה א ו ו ס ט א ד. איך דענק אזוי. — אויב איהר וועט האָבען דעם „פאָלקסבאָטע" אויף אייער זייט.

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. אין א פרייע געזעלשאַפט איז די פּרעססע א מאַכט, דאָקטאָר.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, ווירקליך, און אזוי איז אויך די עפענטליכע מיינונג. און איהר, העררר אַסלאַקסען, איך רעכען, איהר וועט זיין פעראנטוואָרטליך פאר דעם אייגענטהימער־פערבאנד?

אַ ס ל אַ ק ס ע ן. ביידע: דער פערבאנד און די בעשיי־דענהייט־געזעלשאַפט. איהר קענט זיך פערלאָזען אויף דעם.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אָבער, מיינע העררען — ווירקליך, איך שעהם זיך זאָגאר צו דערמאָנען אזאַ זאַך — אָבער — וואָס פאר א שכר ווילט איהר דערפאר?

ה א ו ו ס ט א ד. געוויס פערשטעהט איהר, אז אם בעסטען וואָלט אונז הנאה געטהאָן צו דינען אייך און צו געבען אייך אונזער שטיצע פאר גאָר ניט. אָבער אונזער ציטונג איז איצט זעהר ניט פעסט. זי געהט ניט אָן, ווי זי האָט בעדארפט אָנגעהן. און גע־ראדע איצט, ווען עס איז דאָ אזוי פיעל צו טהאָן אין אלגעמיינע פּאָליטיק, וואָלט עס מיר זעהר לייד געטהאָן, צו זיין געצוואונגען אָבצושטעלען די ציטונג.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נאַטירליך, דאָס וואָלט געווען א קלאָפּ פאר אזאַ פריינד פון פאָלק, ווי איהר זיינט עס. אָבער (אויפפלאַקער־רענדיג) — אָבער איך בין דאָך א פיינד פון פאָלק. (שפּרייזענדיג איבערן צימער) וואו איז מיין שטעקען? וואו, צום טייפעל, איז מיין שטעקען?

ה א ו ו ס ט א ד. וואָס מיינט איהר?

אסלאקסען. זיכער וועט איהר דאָך ניט —

ד ר. שטאָקמאַן. (בלייבענדיג שטעהן שטיל) און איצט, לאָמיר אָננעהמען, אז איך גיב אייך ניט א פרוטה פון אלע מיינע אקציעס? ווי דאן? איהר מוזט ניט פערגעסען, אז מיר, רייכע מענשען, האָבען זעהר פיינד זיך צו צושיידען מיט אונזער געלד.

האווסטאד. און א. י ה ר טאָרט ניט פערגעסען, אז דיזער געשעפט מיט די אקציעס קען באשריבען ווערען אויף צווייערליי אופנים.

ד ר. שטאָקמאַן. יא, איהר זיינט דער ריכטיגער מענש אויף דעם. ווען איך ענטזאג זיך צו אונטערשטיצען אייער צייטונג, וועט איהר געוויס זעהען דעם גאנצען געשעפט אין א שלעכטע ליכט, איהר וועט מיר, רעכען איך, פערפאָלגען, רייצען מיר, פּרובירען דער־שטיקען מיר, ווי דער הונד דערשטיקט דעם האָז.

האווסטאד. דאָס איז א נאַטור־געזעץ. יעדע חיה וויל לעבען.

אסלאקסען. און מוז נעהמען איהר נאַהרונג דאָרט, וואו זי קען עס קריגען.

ד ר. שטאָקמאַן. דאן געהט און זעהט, אויב איהר קענט ניט געפינען אייער נאַהרונג דאָרט, אין רינשטאָק. (לויפט איבער'ן צימער) ווייל איצט, ביי גאָט, וועלען מיר זעהען, ווער עס איז די שטאַרקערע חיה. (געפינט א פּאַראַסאָל און פאַכט מיט איהם.) נון, פּאַסט אויף.

האווסטאד. זיכער, איהר מיינט דאָך ניט צו געברויכען געוואַלד געגען אונז.

אסלאקסען. איך זאָג, פּאַסט אויף אויף דעם פּאַראַסאָל.

ד ר. שטאָקמאַן. ארויס דורכ'ן פענסטער, האַווסטאד!

האווסטאד. (ביים טיר פון פאָרצימער) זיינט איהר משוגע?

ד ר. שטאָקמאַן. ארויס דורכ'ן פענסטער, אסלאקסען! שפּרינגט, זאָג איך אייך. בעסער גלייך איידער נאָכדעם.

אסלאקסען. (לויפענדיג ארום דעם שרייב־טיש) זייט גע־

לאסען, דאָקטאָר. איך בין א שוואכער מענש. איך קען נ'ט אויס־האַלטען. (שרייט) העלפט! העלפט!

(מרס. שטאָקמאַן, פּעטרא און האָרסטער לויפען אַריין.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. גוטער גאָט, אָטטאָ, וואָס איז דאָ?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (פאָכענדיג מיט דעם פּאַראַסאָן) שפּרינגט, זאָג איך אייך. אין רינשטאָק אַריין!

ה א ו ו ס ט א ד. אַן אָנפאַל אויף אַ שוצלאָזען מענשען! איך רוף אייך, אלס עדות, קאַפּיטאַן האָרסטער. (ער לויפט ארויס פון צימער. אַסלאַקסען נאָך איהם.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (האַלטענדיג צוריק די טיר) און איצט בערוהיג זיך, אָטטאָ.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. (אַוועקוואַרפענדיג דעם פּאַראַסאָן) אויף מיין עהרענוואָרט, זיי זיינען דאָך אַוועק נאָך אַלעמען.

מ ר ס. שטאָקמאַן. אָבער וואָס ווילען זיי פון דיר?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דו זאָלסט עס שפּעטער הערען. איך האָב איצט אַנדערע זאַכען, פון וואָס צו טראַכטען. (געהט צום טיש און שרייבט אָן אויף אַ קאַרטע) זעה נור, קאַטרין, וואָס איז דאָ אָנגעשריבען?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. דריי גרויסע „ניינס". וואָס מיינט עס?

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. אויך דאָס זאָלסטו זיך שפּעטער דער־וויסען. (איבערגעבענדיג די קאַרטע) זעה, פּעטרא, זאָל די מיידעל אריבערלויפען צום פוקס מיט דעם, אַזוי שנעל, ווי זי קען. זייַ שנעל!

(פּעטרא לויפט ארויס מיט די קאַרטע.)

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו, אויב איך האָב היינט ניט געהאַט וויזיטען פון אַלע שלוחים פון טייפעל, ווייס איך ניט! אָבער איצט וועל איך שאַרף מאַכען מיין פעדער געגען זיי, ביז עס וועט ווערען אַ שפּיעז; איך וועל עס טונקען אין גיפט און גאַל. איך וועל שליי־דערען מיין טינטער גלייך אין זייערע שאַרבענס.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. יא, אָבער מיר פאָהרען דאָך אַוועק—

(פּעטרא קומט צוריק אַריין.)

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. נו?

פ ע ט ר א. עס איז אַלעס געטהאָן געוואָרען.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. גוט. אַוועקפאָהרען, זאָגסטו? איך וועל זיין פערדאמט, אויב מיר וועלען אַוועקפאָהרען. מיר בלייבען דאָ, וואו מיר זיינען, קאַטרינע.

פ ע ט ר א. פערבלייבען!

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. דאָ אין שטאָדט?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. יא, דאָ. דאָ איז דער שלאַכטפעלד. דאָ זאָל עס אויסגעפאָכטען ווערען. דאָ וועל איך זיי בעזיגען! אזוי שנעל, ווי מיינע הויזען זיינען פערלאַטעט, געה איך ארויס אין שטאָדט און זעה מיר א הויז, ווייל מיר מוזען האָבען א דאך איבער אונזערע קעפּ פאר׳ן ווינטער.

ה אָ ר ס ט ע ר. דאָס קענט איהר האָבען מיט מיר.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. קען איך?

ה אָ ר ס ט ע ר. יא, געוויס, קענט איהר. איך האָב פּלאַץ גענוג. און אויסער דעם בין איך קוים ווען־עס־איז אין דער היים.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. אָה, ווי שעהן פון אייך, האָרסטער.

פ ע ט ר א. איך דאַנק אייך.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (אויסשטרעקענדיג זיין האַנד) דאַנקע. אַלזאָ דיזע שוויריגקייט איז שוין אויך בעזייטיגט. און טאַקי נאָך היינט וועל איך אָנהויבען מיין ארבייט אויף צו דער אמת׳ן. אָה, דאָ איז דאָ אזוי פיעל אויסצורייסען מיט׳ן וואָרצעל, קאַטערינע! און עס איז גוט, דאָס איך וועל איצט האָבען אזוי פיעל פרייע צייט. יא, ווייל ווי דו ווייסט, האָב איך דאך מעהר קיין שטעלע ניט אין די בעדער.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. (זיפצענדיג) אָה, יא! איך האָב עס ערוואַרטעט.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. און איצט וועלען זיי נאָך אַוועקנעהמען פון מיר מיין פּראַקטיקע. אָבער זאָלען זיי! די אָרימע וועל איך זאָ־ווי־זאָ האָבען — די, וועלכע קענען גאָר ניט בעצאָהלען. און, גוטער גאָט, דיזע זיינען עס דאך, וואָס נויטיגען זיך אין מיר אם

מייסטען. אָבער, ביי גאָט, איך שווער, אז זיי זאָלען מיר הערען. איך וועל צו זיי פּרעדיגען צו אַלע צייטען.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. איך שטעל מיר פאָר, דו האָסט דאָך שוין געזעהען, וואָס פון דעם פּרעדיגען קומט ארויס.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. דו ביסט ווירקליך לעבערליך, קאַטע־רינא. זאָל איך מיך לאָזען אוועקטרייבען פון פעלד דורך די עפפענטליכע מיינונג, דורך די קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט און נאָך אַזעלכע טייוועלשקייטען? ניין, איך דאַנקע. א חוץ דעם, דאָס, וואָס איך וויל, איז דאָך אַזוי איינפאַך און אַזוי קלאָר. איך וויל נור אריינקלאַפּען אין די קעפּ פון דיזע הינד, דאָס די ליבעראַלען זיינען ד ערגסטע שונאים פון פרייע מענשען, דאָס פּאַרטיי־פּראָגראַמען דרעהען אָב די העלזער פון אַלע יונגע לעבעדיגע וואַהרהייטען, דאָס טאַקטיק־ריקזיכטען קעהרען איבער די מאָראַל און גערעכטיגקייט מיט'ן קאָפּ אַראָב. יא, קאַפּיטאַן האָרסטער, דענקט איהר ניט, אז איך וועל זיין פעהיג צו מאַכען די מענשען פערשטעהן דאָס?

ה אָ ר ס ט ע ר. קען זיין. איך ווייס אַליין ניט פיעל וועגען דיזע זאַכען.

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו, זעהט איהר. איצט אָבער זאָלט איהר עס הערען. דאָס זיינען די פּאַרטיי־פיהרער, פון וועלכע מ׳ מוז פּטור ווערען. ווייל, פערשטעהט, א פּאַרטיי־פיהרער איז פּונקט, ווי א וואָלף, ווי א הונגעריגער וואָלף. אויב ער זאָל עקזיסטירען, מוז ער האָבען אַזוי פיעל קליינע חיות א יאָהר. טהוט נור א קוק אויף האָוסטאַד און אסלאַקסען! וויפיעל קליינע חיות זיי דער־שלינגען עס! אָדער זיי שטיקען זיי און וואַרפען זיי אַזוי לאַנג ארום, ביז זיי זיינען נור פעהיג צו זיין הויז־אייגענטהימער און אבאָנענטען אויף זייער צייטונג. (זעצט זיך אויפ'ן ברעג פון טיש) נון, קאַטע־רינא, קום אַהער! זעה נור, ווי בראַוו די זון שיינט היינט! און די געבענשטע פרישע פריהלינג־לופט בלאָזט אויף אונז אריין.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. אַ, ווען מיר וואָלטען נור געקאָנט לעבען מיט זונען־שיין און פריהלינג־לופט!

ד ר. ש ט אָ ק מ אַ ן. נו, דו וועסט האָבען א ביסעל צו

קארגען און שפּארען וואו מעגליך און דאן וועט זיין אלעס גוט. דאס אינטערעסירט מיך אם וויינינגסטען. וואס מיר דריקט איצט, איז, דאס איך זעה ניט קיינעם, וואס זאל זיין פריי און מוטהיג גענוג איבערצונעהמען די ארבייט נאך מיר.

פּ ע ט ר א. אה, דענק ניט דערפון, פּאטער. דו האסט נאך גענוג צייט פאר דיר. און אט זעה, אט זיינען די אינגלאך! (פרעד־דעריק און וואלטער קומען אריין.)

מ ר ס. ש ט א ק מ א ן. האט איהר א יום טוב היינט?

פ ר ע ד ע ר י ק. ניין. אבער מיר האבען געהאט א פּייט מיט די אינגלאך.

ו ו א ל ט ע ר. דאס איז ניט אמת. די אנדערע אינגלאך האבען זיך פארטשעפּעט מיט אונז.

פ ר ע ד ע ר י ק. יא, און הערר רעכלאנד האט געזאגט, אז עס וואלט געווען גלייכער, מיר זאלען בלייבען אין דער היים פאר איי־ניגע טעג.

ד ר. ש ט א ק מ א ן. (ברעכענדיג די פינגער און אראבשפּרינ־גענדיג פון טיש) איצט האב איך עס! איך שווער אייך, איך האב עס! איהר זאלט קיינמאל מיט א פוס ניט אריינטרעטען אין שול.

ד י א י נ ג ל א ך. קיינמאל אין שול ניט?

מ ר ס. ש ט א ק מ א ן. אבער ווירקליך, אטטא! —

ד ר. ש ט א ק מ א ן. קיינמאל ניט, זאג איך. איך וועל אייך אליין לערנען, ד. ה., איך וועל אייך גארניט לערנען.

פ ר ע ד ע ר י ק. הורראה!

ד ר. ש ט א ק מ א ן. אבער איך וועל פון אייך מאכען פרייע, הויכהערציגע מענער. זעה נור, פּעטרא, דו וועסט מיר מוזען העלפען אין דעם.

פּ ע ט ר א: יא, פּאטער, מעגסט זיכער זיין, אז איך וועל.

ד ר. ש ט א ק מ א ן. און מיר וועלען האבען אונזער שול אין דעם צימער, וואו זיי האבען מיר ערקלערט, אלס פאלקספיינד. אבער מיר מוזען האבען מעהר שילער. איך מוז פאר אן אנפאנג האבען וועניגסטענס צוועלף אינגלאך.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. דו װעסט זיי קיינמאָל ניט קריגען אין דיזער שטאָדט.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דאָס װעלען מיר זעהען. (צו די אינגלאַך) קענט איהר ניט װעלכע גאַסען־יונגען — ריכטיגע שלעפּער, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע? —

פ ר ע ד ע ר י ק. יא, פאָטער, איך קען א סך פון זיי.

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. רעכט, ברענג מיר איינינע פון דיזען מין. איך װעל מאכען אַן עקספּערימענט מיט דיזע גאָרנישטען. עס קענען זיך מאכען גוטע קעפּ צװישען זיי.

פ ר ע ד ע ר י ק. אָבער װאָס װעלען מיר טהאָן, װען מיר װעלען װערען פרייע און הויכהערציגע מענער?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. ארויסטרייבען אַללע װעלף, קינדער!

(װאלטער קוקט מיט צװייפעל. פרעדעריק שפּרינגט ארום, שרייענדיג: הורראה.)

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. װען נור די װעלף זאָלען פריהער דיר ניט ארויסטרייבען, אָטטאָ!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. דו ביסט גאָר משוגע, קאַטערינע. מיר ארויסטרייבען איצט, װען איך בין דער שטאַרקסטער מענש אין שטאָדט?

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. דער שטאַרקסטער — איצט?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. יא, איך נעהם זיך די חוצפּה צו זאָגען אזאַ מוטהיגען װאָרט; איך בין איצט איינער פון די שטאַרקסטע מענער אויף דער ערד.

װ א ל ט ע ר. פאָטער!

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. (אין א פערשטיקטע שטימע) שאַ! איהר דארפט נאָך װעגען דעם ניט ריידען, אָבער איך האָב געמאַכט אַ גרויסע ענטדעקונג.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ א ן. װאָס איז שוין װידער?

ד ר. ש ט אָ ק מ א ן. געװיס. (נעהמט זיי אַלע ארום און רעדט מיט פערטרויען) איהר זעהט, דער פאקט איז, דאָס דער

שטאַרקסטער מענש אויף דער ערד איז דער, וואָס שטעהט מייסטענס אַלליין.

מ ר ס. ש ט אָ ק מ אַ ן. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, שמייכלענדיג) אה, אָטטאָ!

פּ ע ט ר א. (נעהמענדיג זיין האַנד, פול מיט צוטרוי) פּאָטער!

פ אָ ר ה אַ נ ג.

ליטעראטור און לעבען

אונטער דיעזען נאָמען וועלען פון צייט צו צייט ערשיינען אבהאַנדלונגען איבער די גרעסטע פאָרשטעהער פון דער מאָדערנער ליטעראטור. אונזער ערשטע אויסגאַבע פון דיעזער סעריע וועט קירצליך ערשיינען, נעמליך אַן אבהאַנדלונג

איבער · הענריק · איבסען
געשריעבען פון מ. לעאנטיעף

קירצליך ערשיינט א פאלשטענדיגע זאמלונג פון אלע שריפ־
טען פון דעם אונשטערבליכען פאלקס־דיכטער,

דוד עדעלשטאדט

אין וועלכע עס וועלען זיך געפינען פיעלע זאכען, וואס זיינען
נאך ביז יעצט ניט געדרוקט געווען.

בעשטעלונגען אדרעסירען אן:

J. EDELSON
c.o. PROGRESSIVE LIBRARY
106 FORSYTH STREET, NEW YORK